השל היה איש רעים וחברה, שופע חיים והומור, פשטות ועממיות. מי אינו זוכר את הופעותיו על במת התיאטרון בעיירה, יחד עם שמואל רזניק, ששיעשעו את קהל הצופים.

בכפר־סבא הקים את ביתו, נשא לאשה את פסל, חברת נעוריו, גידל ילדים וזכה אף לנכדים ורווה נחת מכולם.



השל מילר

בשנים האחרונות התערער מצב בריאותו והניצוץ התמידי שבעיניו הלך וכבה. אבל השל לא נפל ברוחו. עדיין ידע לבדח ולרתק את כולם בסיפוריו על סוויר, כי חונן בזכרון פנומנלי ואף ידע־להפליא לחקות כל אחד ואחד, ועורר צחוק.

בטרם עת, במלוא מרצו ותכניותיו הרבות, נעקר מאתנו.

שייטל מילר

היתה חיננית, בעלת שקט פנימי, מבט מלטף ורך היה בעיניה המחייכות. כזאת זכורה לנו שייטל מימי נעוריה, ונדמה לי שכזאת נשארה עד סוף ימיה.

גדלה במשפחה ציונית ענפה. כל אחיה היו פעילים בתנועה הציונית בעיירה. כבר בגיל צעיר היא מצטרפת לשורות „החלוץ הצעיר". האיר



שייטל מילר

לה המזל והיא עולה ארצה ומצטרפת לבני משפחתה שקדמו לעלות. היא מקימה את משפחתה ועוברת לגור בגבעת־עדה.

בפגישותינו הנדירות סיפרה לי בגאוה על משקה, על הבנים המצטיינים בלימודים ובצבא. לפתע הסתלקה מאתנו והיא עוד בעצם פריחתה.

זלדה מושקוביץ (מיכנוביץ)

זלדה נולדה למשפחה מרובת ילדים שהתיתמו מאביהם בימי ילדותם. והעול לגדולם ולפרנסתם נפל על שכמי אמם, רק עם התבגרותם הוקל לה. היתה משפחה עמלה וענפה בעיירה.



זלדה מיכנוביץ

זלדה ואחותה פייגה נשארו בחיים אחרי שעברו את כל שבעת מדורי הגיהינום. הגיעו ארצה עם גמר המלחמה, והצטרפו לאחיותיהן שהצליחו לעלות לפניהן. זלדה הקימה משפחה והתישבה בבאר־שבע החיים במחנות המוות ערערו את בריאותה, היתה חולה הרבה שנים עד שנפטרה לפתע והיא רק בגיל העמידה.

רייצה נוחומסון

רייצה עברה לגור לסוויר עם משפחתה, בימי ילדותה ממיכאלישוק, אמה רישה נודעה בעיירה כמומחית להרכבת כוסות רוח. לאחר שנישאה עברה רייצה למיכאלישוק למקום מוצאו של בעלה חיים משה.

רייצה עברה את כל שבעת מדורי הגיהינום במלחמה, ונשארה בחיים מכל משפחתה המסועפת עם ארבעת ילדיה. דוד, מאַשא, חיה וז׳ני. כולם השתקעו בכפר־סבא והכו שרשים במקום.

הם אף מקפידים לבקר תמיד בכנוסים של יוצאי סוויר. רייצה



ריידע נחומסין

היתה בעלת מזג טוב. והיתה מקבילה פני כול בחמימות ובהתרגשות רבה.

שבעה נחת מילדיה וצאצאיה.

נפטרה שבעת שנים.

סיני

סיני הגיע לסוויר כחתנו של פייווע דער וואזיק (העגלון), נשא לאשה את בתו איידל. הוא היה החלוץ הראשון שעלה מסוויר עם בני משפחתו ופילס דרך לרבים. כל השנים שמר סיני על הקשר עם יוצאי סוויר. היה מבקר מדי שנה בכינוסים. יהודי פשוט וטוב לב היה. בביתו מצאו מקום לינה אנשי סוויר. מת בשבה טובה, שנים לאחר פטירתה של אשתו איידל.

חנוך סבירוני (הענך דרוץ)

הענעך, כפי שקראנו לו, היה בן־גילי. כתלמיד בחדר ובבית־הספר בעיירה התגלה בכשרונותיו המרובים. המשיך את לימודיו בתיכון בווילנה ולאחר מכן באוניברסיטה בברלין. עוד מימי נעוריו הצטיין חנוך בכוח דיבור והיה נואם לפנינו בסניף „החלוץ" וגם בערבי „שאלות ותשובות שערכנו. התברך גם כמושך בעט סופרים. בתקופת לימודיו בברלין שימש כתבו של העתון „ווילנער צייט, ואת מאמריו הפוליטיים קראנו בענין רב

והתגאינו בו. בגרמניה למד חינוך, כלכלה ומשפטים והשתתף בסמינר מיוחד לעתונאות. באותו זמן למד בבית הספר הגבוה למדעי היהדות. כשהגיע היטלר לשלטון, נאלץ חנוך להפסיק את לימודיו ולהגר לליטא, שם עבד כעורך לילה בעתון „יידישע שטימע" שהופיע בקובנה, עד הגיעו ארצה. כעבור זמן נסע להשתלם באוניברסיטה שבשוויץ וחזר עם התואר ד"ר לכלכלה. בתקופת הביניים עסק חנוך בהוראה בתיכון, ולאחר מכן נכנס לתפקיד כמרכז תרבות באיזור רעננה, שבו כיהן עד יומו האחרון. פה התגלה חנוך כאיש אינטלקטואלי ורב־כשרון, כמארגן ומרצה כאחד, ושמו הלך לפניו. היה איש־רעים, בעל מזג חם ואימפולסיבי. כל מרצו השקיע בהנצחת העיירה והוצאת הספר לזכרה שאותו ערך. בעצמו כתב ואסף חומר מפי אחרים. דבקותו בעיירה הגיעה עד כדי כך ששינה את שם משפחתו לסבירוני.

והנה במלוא אונו, שופע מרץ ותכניות רבות, כרע ונפל. בטרם עת נעקר ממשפחתו. עדיין מהדהד באוזני קולו הרועם בכינוסים. את החלל שנוצר עם פטירתו אין למלא.

ברל סוירסקי

ברל'ה חיה'ס קראו לו בעיירה. בחור צנוע, עדין־נפש ונחבא בין הכלים. אחד מהשרידים שהגיעו ארצה אחרי השואה, אשר מצא בזמנה



בערל סוירסקי


מחבוא יחד עם כמה משפחות מסוויר אצל גוי. היה בין האחרונים מאנשי סוויר שהגיעו ארצה. נפגשנו אתו באחד הכינוסים. כמעט שלא השתנה. אותו השקט הנפשי והחיוך הביישני.

התיישב בחדרה והתערה בחיי המושבה. לפני שנים מספר שמחנו יחד בחתונתה של בתו שנישאה לבן מצאצאי סוויר, והשמחה היתה כפולה. זמן קצר אחרי זה פקדה אותו מחלה חשוכת מרפא ועקרתהו מהחיים. והוא רק באמצע שנות חייו.

שבח סווירסקי

מוצאו מהעיירה מיכאלישוק. אבל אחרי שרכש את האחוזה מיד הגרף חנובסקי הסמוכה לסוויר שנים רבות לפני פרוץ המלחמה היה לתושב העיירה. שבח עבר את כל תלאות המלחמה ומכל משפחתו הענפה נשארו רק הוא ובנו בחיים.

עם תום המלחמה הגיע שבח לסוויר, שם נשא לאשה את אידה



שבח סוירסקי

גרשוביץ בת עיירתנו, יחד עברו לוילנה ומשם לפולין, ורק בשנת 1960 עלו ארצה, והתישבו בכפר־סבא בקרבת בני משפחתו.

אם כי נחשב בזמנו לאמיד ובעל נכסים הסתגל שבת לחיים בארץ. והיה שמח בחלקו. היה אציל־נפש, בעל מזג טוב ונעים־הליכות.

בשקט ובצנע סיים שבח את שנותיו האחרונות. נפטר שבע ימים.

בנימין קמין

מימי נעוריו הצטרף בנימין למפלגת „צעירי־ציון" כבר בעיירה הכשיר עצמו לחיי חקלאות בארץ, בגאוה עקבנו אחרי בנימין בחור זקוף וחסון, שזוף שמש, הולך אחרי מחרשתו בשדות זרים. והיה לשם ותהילה בפי הגויים, ולמופת ודוגמא בעיני הנוער הבעל־ביתי בעיירה.



בנימין קמין

בנימין עלה ארצה, עם אשתו שושנה ובתם יוכבד בהתחלת שנות העשרים. הקים את ביתו בכפר־סבא. עבר את כל שלבי החיים והתערה במושבה. עד שפקדה אותו מחלה חשוכת מרפא.

שנים התהלך בנימין כצל בינינו, עד שגחלת חייו דעכה אט אט לעינינו. והוא עדיין בשנותיו הפורחות.

צפורה רזניק

פייג׳לה, כפי שקראנו לה, בת הזקונים למשפחת ר׳ קויפמן רזניק — משפחה ענפה ומפורסמת בעיירה. צפורה היתה חיננית ושופעת חיים. צעירונת היתה בצאתה מסניף „החלוץ הצעיר" להכשרה. נשאה על כתפיה הצרות את סבל שנות ההכשרה הקשות. עלתה ארצה בתחילת שנות השלושים יחד עם חברה והקימו את ביתם בקיבוץ תל־יוסף. פה נולד להם ילד, לאשרה של המשפחה בסוויר.

והנה אחרי מחלה קצרה נקטפה בדמי ימיה.



פייגעלע רזניק (קלעי) צילה רזניק (איביאן)

צילה רזניק

שקטה, רצינית, כזאת נשארה חרותה בזכרוני מיום שהכרתיה על ספסל הלימודים, בו למדנו יחד. ולאחר מכן בתנועה, ב„השומר הצעיר" ו„החלוץ". תמיד שקולה ומיושבת בדעתה.

צילה מהראשונות לצאת להכשרה. לא כאחרות, היא מחזיקה מעמד בתנאים הקשים בקיבוצי־ההכשרה דאז. בסוף היא עולה ארצה בדרך בלתי־לגאלית, סמוך למלחמת־העולם השניה. צילה משתקעת בת״א ומקימה את משפחתה. התמידה להשתתף בכל הכינוסים, ותמיד נראתה בעיני שופעת חיים.

והנה, לפתע הגיעתנו הידיעה המרה — צילה נפטרה אחרי מחלה קצרה.

חנה רבינוביץ

חנה נולדה למשפחת למדנים בעיירה. אחיה, שלמה, היה מורה בבית־הספר וציוני נלהב. בגיל צעיר הצטרפה חנה ל„החלוץ הצעיר" ועלתה ארצה



חנה רבינוביץ

עם ה„מכביה". היתה שקטה והצניעה לכת בתוכנו. הקימה משפחה וכעבור זמן קצר נפטרה, אחרי מחלה קצרה, בגיל צעיר.

חדוה רזניק

למודת־סבל היתה חדוה ודרכה בחיים לא היתה סוגה בשושנים. ילידת מלחמת־העולם הראשונה טעמה כבר בילדותה את טעם הרעב והפחד. שקטה היתה ורצינית כבר בילדותה ובנערותה. תלמידה טובה וחרוצה גמרה את ביה״ס בסביר והחליטה להמשיך בלימודיה בסמינר למורים בוילנה. כאן נערמו קשיים לא מעטים בדרכה. לא היה זה דבר כה פשוט ללמוד בוילנה, לשאת בהוצאות הלימוד, החדר, הספרים וכו׳. אולם הודות לכוח הרצון שלה פתרה את הבעיה. היא הצטרפה אלי וכמוני נתנה שעורים פרטיים ומימנה לה את לימודיה בעצמה.

מות אמא השפיע עלינו קשות.

חדוה התחילה לעבוד כמורה. אולם לא ארכו הימים ופרצה מלחמת־העולם השניה. יחד היינו בשמיטובה — אצל הפריץ מבית סקירמונט. יחד יצאנו לסביר ולאחר מכן למיכלישיק, כשהפרטיזנים שרפו את בית־האחוזה. משם הגענו לגיטו וילנה. יחד ברחנו לאור היום. מן הגיטו, מחופשות לגויות צעירות, אל היער, אל הפרטיזנים.

שם גילתה חדוה אומץ־לב ותושיה רבה. היא יצאה אל הכפר וחזרה משם עם לחם ותפוחי־אדמה. הכל עשתה מתוך שקט נפשי האופייני לה.



חדוה רזניק ובעלה

עם השחרור, כשחזרנו, חדוה, אני וזלמן אחינו אל ביתנו בסביר וראינו את קבלת־הפנים הקרה והעויינת של שכנינו הגויים, נוכחנו לדעת שאין לנו מה לחפש בגולה, ואל לנו לבנות את עתידנו על אדמה טמאה זו שרוותה דם יקירנו. החלטנו לעזוב את סביר ולהתקדם בדרך לארץ־ישראל. מ־1945 טולטלנו בין מחנה למחנה.

באוסטריה הכירה חדוה את פרץ קרופסקי, זה שעתיד היה להיות בעלה. כאן נפרדו דרכינו: חדוה עם בעלה עברו לאיטליה, זלמן עלה ראשון לא"י, אני ובעלי עברנו למחנה חדש בבלגיה.

נפגשנו ב־1949 בישראל. היא היתה כבר אם לילדה קטנה — איילה. כיוון שנפגשנו שוב — החלטנו להישאר יחד. גם היא, כמוני, השתקעה בקריית־חיים. כאן התחילה לעבוד כמורה. כאן נולד לה בנה חיים.

היא הצליחה מאד בהוראה,

לאחר שניצלה משבעה מדורי גיהנום וטעמה מנה גדושה של מרורים,

נדמה היה שעלתה על דרך־המלך, שהגיעה אל המנוחה והנחלה. כך חשבנו אנו — אולם הגורל חשב אחרת...

היא חלתה במחלה קשה וחשוכת־מרפא. בגבורה נשאה את כאביה לפני הניתוח ואחריו. היא המשיכה לעבוד ולהתעלם מן המציאות המרה עד הרגע האחרון.

על ערש דווי דברה על היקר לה ביותר — על ילדיה, על עתידם, על שאיפותיה לגבם, שלא תזכה לראות בהתגשמותן.

והיא לא זכתה...

חסיה

צבי שפירא

בחור תמיר וחסון, בנם של אהרון ובתיה עטל. כזה הכרתיו בין בני הדור הצעיר המצטרפים להוריהם בכינוסים השנתיים של יוצאי סוויר.

צבי עבר את כל תלאות המלחמה בעודנו ילד, יחד עם הוריו שמצאו



שפירא צבי

מקלט בבונקרים שביערות. היחידי שנשאר בנס בחיים מתוך 4 אחיו. והנה פה, בארץ, קרהו אסון — הוא ניספה בתאונת־עבודה ופתיל חייו הרעננים קפד בדמי ימיו.

בתיה אטל שפירא

הלכה מאתנו בתיה אטל למנוחות־עולמים, שבעת שנים וסבל. אנו זוכרים אותה מלפני המלחמה בת למשפחה ענפה ומכובדת בעיירה די גרעוויאטער כלקויה בבריאותה, והנה עמד לה הכוח לעבור את כל ימי המלחמה. מצאה מקלט עם בני משפחתה ביערות נארוטש, שם נספו שלושת בניה. בתום המלחמה הגיעה בתיה־אטל ארצה עם בעלה אהרון ושני ילדיה צבי ונחמה ושוב נפגעו קשה מידי הגורל, צבי בנם היחיד נספה בתאונת עבודה.

בתיה אטל התישבה בכפר־סבא בקרבת בני משפחתה שעלו לפני המלחמה, התערתה במקום, ושבעה נחת מבתה ומצאצאיה.



בתיה עטל שפירא

מדי שנה היתה מגיעה בשארית כוחותיה לכנוסי בני העיירה שהתקימו בכפר־סבא. נפגשת עם כולם בשמחה ובהתרגשות רבה, היתה טובת לב ויחד עם בעלה אהרון נטלה על עצמה את העול לדאוג לנצרכי בני העיירה ולהגיש להם עזרה עד ששנות הפורעניות והתלאות שעברה שמו קץ לחייה.

שמות ההורים שנפטרו בארץ

חזן יצחק מרדכי
סווירסקי סושה
קוריצקי ברוך
פפישקי פייגה

צדוק השוחט
שוורצגור משה אהרון
שוורצגור סושה

הקדמה

לאַנג מיט פיל אויסדויער געוואַרט אויפן דאָזיקן פייערלעכן מאָמענט, אַז דאָס אָנגעשריבענע מאַטעריאַל וואָס האָט געוואַרט איבער צוויי צענדליק יאָר זאָל געפינען איר גואל, און דערזען די שיין פון טאָג.

ס׳איז מיר געלונגען במשך פון דער צייט דערגיין צו די היס־טאָרישע קוועלן פון סוויר. איך האָב זיך באַמיט אין דעם בוך אויפלעבן דערינערונגען, געשעענישן, טיפן און געשטאַלטן, פון דעם ווייטן עבר, אָפּשפּיגלען דעם געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן אין שטעטל צווישןביידע וועלט־מלחמות. באַזונדערס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג וועלכע האָט געשלאָגן טיפע וואָרצ־לען אין אונדזער לעבן און מיטגעצויגן דעם גרעסטן טייל פון דער יוגנט. האָב ברייט געשילדערט די ימים־טובים און דעם שבת אין שטעטל. האָב אויך געמאָלט די פּאַסטוראַלע זייט פון שטעטל, די אַזוי פּרעכטיקע לאַנדשאַפט מיט וועלכע מיר זענען געבענטשט געוואָרן, דעם באַרג און די אָזערע, וועלכע האָבן צוגעגעבן די שטעטל איר ספּעציפישן חן און כשוף.

דעם צווייטן העלפט פון בוך געווידמעט דעם אַזוי טראַגיש טאָטאַלן אומקום פון דער יידישער קהילה דורך דער היטלעריס־טישער האַנט, באַשריבן פון עדי ראיה געראַטעוועטע פון דעם גיהנום.

האָב אויך געזאָרגט אַז דאָס גאַנצע מאַטעריאַל (ווי אויך אַ טייל פון ערשטן בוך) זאָל איבערגעזעצט ווערן אין דער העבריי־אישער שפּראַך, און געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם אונטערגעוואַק־סענעם דור — אשר לא ידע את יוסף — זיך דערגרונטעווען און לערנען פון דעם העראָאישן עבר פון זייערע אבות, מנהגים און לעבנס שטייגער.

געפונען פאַר נויטיק אויך פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אַלע סווירער וועלכע זענען נפטר געוואָרן אין לאַנד און געפאַלן אין דער פּאַרטיידיקונגס־מלחמה.

און צום סוף דריק איך אויס מיין טיפסטן דאַנק די יעניקע וועלכע האָבן צוגעלייגט אַ האַנט און דערמעגלעכט אַרויסגעבן דעם בוך. באַזונדערס קומט אַ דאַנק אסתר און גרשון חנוביץ, וועלכע האָבן איבערגעזעצט דעם חומר אין עברית, שלמה אבן־שושן און יוסף פּיכמאַן, וועלכע האָבן צוגעגרייט די מאַטעריאַלן צום דרוק, דעם דיכטער משה יונגמאַן, וועלכער האָט נאָכן דורכ־לייענען דעם כתב יד אין יידיש געמאַכט פּיל אויסבעסערונגען, דעם קבוץ שדה-נחום פאַר זיין מאַטעריעלער הילף.

באַזונדערס מיין טיפסטן דאַנק אונדזער בן־עיר יוסף דעסאַט־ניק און זיינע קרובים, פאַר זייער וואַרעמע שטיצע פאַרן בוך, געווידמעט דעם אָנדיינק פון זייער פאַרשטאָרבענע משפּחה, יעקב, חיה אסתר, און סעדיה גראַגער זכרונם לברכה, און אחרון אחרון דעם אירגון יוצאי סוויר וועלכער איז מיר אַנטקעגנגעקומען, און מיט דעם פאַראייביקט אונדזער טייער אומפאַרגעסלעך שטעטעלע סוויר אויף אייביק.

שטריכן צו דער געשיכטע פון סוויר

לויט די היסטאָרישע קוועלן ווערט שוין אונדזער שטעטעלע סוויר באַצייכנט אויף דער וועלט־מאַפּע מיט 700 יאָר צוריק, (צוגלייך מיט דער אָזערע וועלכע טראָגט דעם זעלבן נאָמען).

דער גרונטשטיין פון דעם ישוב איז געלייגט געוואָרן דורך דובמאַנד אַ זון פון ראַמאַנד, אַ ליטווישער פירשט, וועלכער האָט געלעבט אין 13־טן יאָרהונדערט.

די מאַכט אין יענער צייט איז ניט געווען קיין סטאַבילע און פלעגט איבערגיין פון האַנט צו האַנט, ווען איין פירשטנטום האָט באַזיגט אַ צווייטע, אַזוי איז אונדז באַקאַנט אַז אין 16־15־טן יאָרהונדערט איז שוין סוויר און די גאַנצע פּעריפעריע אַרום איבערגעגאַנגען צו דער הער־שאַפט פון פירשטנטום סווירסקי, און שפּעטער געפינט זיך שוין סוויר אונטערן שוץ פון דעם פירשטנטום ראַדזיוויל וועלכער האָט באַהערשט אַ גרויסן טייל פון דער מדינה, און ענדליך אין יאָרן אַרום, קערט זיך אום סוויר צוריק צו דער הערשאַפט פון די סווירסקיס וועלכע האָט אָנ־געהאַלטן איר מאַכט אַ לייַנגערע תקופה, און געלייגט איר סטעמפּל אויפן לעבן אַזוי ווייט, אַז זי האָט זיך פאַראייביקט אין דער געשיכטע מיטן רופן דעם ישוב לויט איר פאַרקירצטן נאָמען סוויר, און אויך צוגעקלעפּט צו די יידישע משפחות אין יענער צייט דעם פאַמיליע נאָמען סווירסקי, וועלכע זענען היינט צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, איז דאָס געטאָן געוואָרן אונטערן דרוק, אָדער אויס מה יפית פון די יידן אַליין. ס׳איז אונדז אויך באַקאַנט, אַז איינער פון די סווירסקיס, דער גראַף יאַן, האָט אויפגעבויט אין סוויר אַ קלויסטער פון האָלץ, נאָר שפּעטער אין יאָר 1653 איז מיט דער מיטהילף פון גלח גאַספּערי יאַשונסקי אויפגעבויט געוואָרן אַ קלויסטער פון ציגל. אין יאָרן אַרום ווען דער גאַנצער אדל אין דער געגנט האָט אָנגענומען דעם העלביטישן גלויבן (די שוועדישע קירכע), איז דער קלויסטער פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, און זיין פאַרמעגן צערויבט.

אַלס זכר פון דער הערשאַפט פון די סווירסקיס זיינען נאָך ביז היינט פאַרבליבן רעשטלעך פון די חורבות פון דעם פּרעכטיקן שלאָס וואָס מ׳האָט אויפגעבויט אויפן באַרימטן סווירער באַרג, וועלכער געפינט זיך אין צענטער פון שטעטל, און באַרימט געווען אין דער גאַנצער סביבה.

אפילו אויפן ווילנער פיש־מאַרק פלעגט מען זיך מיט אים שילטן, גע־שוואָלן זאָלסטו ווערן ווי דער סווירער באַרג.

לויט די היסטאָרישע קוועלן איז ער אָנגעשאָטן געוואָרן דורך מענטשלעכע הענט, און האָט געדינט שפּעטער אַלס סטראַטעגישער פּונקט און מיליטערישע באַזע אין די אַלע מלחמות. ווי אונז איז באַקאַנט האָט דאָ דער באַרימטער פּוילישער קעניג סטעפאַן באַטורי אין זיינע מלחמות וועלכע ער האָט געפירט אין יאָר 1573 מיט די באַלטישע לענדער קאָנ־צענטרירט אויף דעם באַרג זיין מיליטער, און אפילו שוין אין אונזערע צייטן ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1920 האָט דער באַרג געדינט אַלס מיליטערישע באַזע פאַר דער פּוילישער אַרמיי אין איר קאַמף מיט דער אָנגרייפנדער רויטער אַרמיי פון צווייטן זייט אַזערע.

ס׳פעלן אונדז ברייטערע היסטאָרישע קוועלן וועגן דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין סוויר, אונדז איז נאָר באַקאַנט, אַז אין יאָר 1847 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין סוויר געציילט 431 נפשות, שפּעטער שוין אין יאָר 1890 איז די צאָל געשטיגן און דערגרייכט צו 1114 פון דער אַלגעמיינער צאָל פון דער באַפעלקערונג וועלכע האָט געציילט 1686 נפשות, מעגלעך אַז נאָך מיט יאָרן צוריק האָט דאָ עקזיסטירט אַ יידישע קהילה, אַלס עדות באַשטעטיקן די מצבות אויפן אַלטן בית עולם, וועל־כע זיינען געווען טיף איינגעזונקען אין דער ערד, דער פּנקס פון חברא קדישא, ווו מ׳פלעגט פאַרשרייבן די נפטרים, האָט געקענט דינען פאַר אונדז אַלס היסטאָרישער דאָקומענט.

חוץ די צענדליקער משפחות מיטן נאָמען סווירסקי, האָבן נאָך פיל משפחות געטראָגן דעם נאָמען פון אָפּשטאַם פון די דערפער פון וועלכע מ׳האָט זיי אַרויסגעטריבן און זיך באַזעצט אין שטעטל, נאָך דער אַרויס־געגעבענער גזרה פון דעם רוסישן צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער אין יאָר 1882, ווי צ. ב. די שפּיאַלער, זאַסווירער, דובניקירער, פּוציליכער, סיכ־מישער, פאַניזער, אַראַנער, סיניציער, מעזוליצער א. א.

סוף 19־טן יאָרהונדערט איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה אין סוויר, און דאָס גאַנצע שטעטל, מיט אירע הילצערנע הייזער און שטרויענע דעכער איז אָפּגעברענט געוואָרן אינגאַנצן, און דעריבער זיינען ניט פאַרבליבן קיין היסטאָרישע אַלטע בנינים אין סוויר, דער בית המדרש איז פונדאַסניי אויפגעבויט געוואָרן שוין אין אַ מאָדערנעם סטיל.

פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אונזער שטעטל סוויר אַרויס

ניט באשעדיקט, ווייל דער פראָנט וואו ס׳האָבן געקעמפט די רוסישע און דייטשישע אַרמייען איז געווען ווייט אָפּגערוקט פון שטעטל, נאָר ביים ענדע פון דער מלחמה אין יאָר 1920 ווי׳ שוין דערמאָנט, האָט זיך דאָ געפירט אַ קורצער שלאַכט צווישן די פוילישע און רויטע אַרמייען, די יידישע באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזן דאָס שטעטל און זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די בוימער פון בית עולם און אויף מאָרגן נאָכן אַריינמאַרשירן פון דער רויטער אַרמיי זיך אומגעקערט צוריק אין זייערע הייזער ווען אַ טייל פון זייער פאַרמעגן איז אַוועקגערויבט געוואָרן.

ווי ס׳גיבן איבער ס׳רעשטל געראַטעוועטע יידן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיינען ס׳רוב הייזער אין שטעטל פאַרבליבן גאַנץ, נאָר פון בית־המדרש און די אַרומיקע הייזער (דער אַזוי גערופענער שול־הויף) איז קיין זכר ניט פאַרבליבן.

דער גאַנצער שטח איז פאַראַקערט געוואָרן און פאַרוואַנדלט אין גערטנער, און פון דער יידישער קהילה וועלכע האָט געציילט ביי טויזנט נפשות ביז דער מלחמה און האָט דאָ במשך פון פיל דורות געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין לעבן, איז אַרויסגעריסן געוואָרן ביזן יסוד און אָפּגעמעקט געוואָרן אויף אייביק.

צענדליקער בלויז האָבן זיך געראַטעוועט נאָכן גרויסן חורבן און געפונען זייער היים אין דער ניי־אויפגעקומענער מדינת ישראל.

(לוי די קוועלן פון „יעווריעיסקאיא ענציקלאָפּעדיא״ און „ענציקלאָ־פּעדיא פּאָווסעכנאַ״).

געזעלשאַפטלעכער
און קולטורעלער לעבן אין שטעטל

דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין שטעטל

סוויר האָט זיך ניט אונטערגעשיידט פון אַנדערע ייִדישע שטעטלעך אין פּוילן ליטע, דער זעלבער סאָציאַלער געבוי און סטרוקטור, אַרט מלאכות און באַשעפטיקונג, ס'לעבן אויף נסים און לופט־פּרנסות, בטלנות און ליידיקגייערײַ, פיל באַלערנד איז פאַר אונז די סאָציאַלע צעגלידערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

בערך צוויי דריטל פון יידישן ישוב האָט געלעבט פון קרעמערײַ און האַנדל, איין דריטל בלויז האָט איינגעשלאָסן אין זיך די איבעריקע סאָציאַלע שיכטן ווי באַלעמלאכעס, אַרבעטער, כלי קודש און פרייע פּראָ־פעסיעס, ווי אויך דעם טייל וואָס האָט געלעבט פון באַקומען שטיצע דורך זייערע פריינט, קינדער אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

די קרעמער האָבן געבילדעט אַ באַדייטנדיקן טייל אין שטעטל, קיין ספּעציעלער האַנדלס־צענטער איז ניט געווען, די קראָמען זיינען געווען צעוואָרפן און אויסגעמישט איינס מיט די אַנדערע לייגנ אויס דער גאָס, און טייל אַרום די מערק, געווען געשעפטן פון פאַרשיידענע אַרטיקלען ווי מאַנופאַקטור, שיך, און גאַלאַנטעריי, אין אַזאַ מין גאַלאַנטעריי־קראָם האָט איר געקענט געפינען כלערליי אַנטיקן אַנהייבנדיק פון אַ פינגערהויט און אַ נאָדל ביז שמירעכץ אויף די רעדער, פון ביטער זאַלץ אין מאַגן־בלעטער, ביז אַ הערינג, זיינען טאַקע די קרעמער געווען שטענדיק פאַרמעליקטע און פאַרשמאַלצענע קאַפּאָטעס, ס'רוב קראָמען זענען געווען צוזאַמען מיט די וווינונגען, און צו יעדער צייט געקענט קריגן צום קויפן, זיינען די קרעמער געווען שטענדיק אויסגעשעפּט און מיד, זייער־דיק פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג. קיין גרויסע וואַלד־סוחרים און אונטער־נעמער זיינען ביי אונז ניט געווען.

געווען סוחרים און הענדלער פון קלענערן פאַרנעם, יידן אין שטעטל זיינען געווען מבינים און מומחים אויף אַלע סחורות, צו יעדן סעזאָן זיך

נעכאַפּט צו עפּעס אַנדערש, געווען גרויסע ריזיקאַנטן און געפירט גע־שעפטן, ניט פאַרמאָגנדיק קיין אייגענע פּרוטה, און דאָך געשפּילט אַ ראָל.

געווען אַ טייל הענדלער מיט קלענערע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, וואָס פלעגן שפּאַצירן צופוס איבער די דערפער מיט אַ זעקל אונטערן אָרעם און איינהאַנדלען זייער סחורה, די מער איינגעאָרדנטע פלעגן זיך שלעפּן מיט זייערע פערדלעך אַ גאַנצע וואָך איבער די דערפער, און ערשט פרייטיק ערב שבת קומען אַהיים צו דער משפחה מיט פול גע־פּאַקטע וועגענער, אַלץ איז געווען פאַר זיי אַ סחורה אַלטע שמאַטעס, בראָך פון אייזן און כלערליי מציאות, וואָס זיי פלעגן איינהאַנדלען אָדער אויסטוישן פון זייערע געפירטע סחורות, יעדער האָט זיך געהאַט זיין קאָנט, און „אייגענע" גויים, אַ גאַנצע וואָך געווען אונטערוועגנס און גע־האַט אַ שווער געמאַטערט לעבן.

קיין ספּעציעלע אינדוסטרי, און באַזונדערע פאַכן און מלאכות ניט געווען, ווי אין ס׳רוב שטעטלעך האָט זיך עס קאָנצענטרירט אַרום די ספּעציפישע יידישע מלאכות ווי שניידער, שוסטער, שמידן, רימער, ליר־זשנער און איידעלערע מלאכות ווי זייגערמאַכער, שערער. יעדער בעל־מלאכה האָט געהאַט זיין לערניינגל וואָס פלעגט גוט אויסגענוצט ווערן, דער אַרבעטסטאָג איז געווען אַ לאַנגער, אַן אַכטשעהדיקער אַרבעטסטאָג איז געווען אַ ווייטער חלום, אַן ערב יום־טוב פלעגט נאָך אַמאָל אויס־קומען זיצן אַ גאַנצע נאַכט אויף צו פאַרענדיקן די אַרבעט, און נאָך אַלעמען זיינען די בעל־מלאכות אין שטעטל ווייט געווען פון ראָטשילדן, קוים געמאַכט אַ לעבן.

יידן האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. אַחוץ די פּאָר ישובניקעס אין די אַרומיקע דערפער וועלכע האָבן באַאַרבעט זייער אייגענע ערד, האָבן איינצלנע משפחות גענומען ערד אין אַרענדע און דערפון זיך מפרנס געווען. זומער צייט האָבן פיל יידן אויך געהאַנדלט מיט סעדער, אויך האָט כמעט יעדער סווירער תושב געהאַט זיין אייגע־נעם גאָרטן לעבן דער שטוב, וואָס פלעגט אַליין באַאַרבעטן און געהאַט גרינסן מכל המינים אויפן גאַנצן זומער. געווען אין שטעטל באַרימטע גערטנער וואָס איז געווען אַ מקור פון פּרנסה.

דער מאַרקטאָג איז אויסגעפאַלן יעדן דאָנערשטיק, פון וועלכן ס׳רוב שטעטלדיקע יידן האָבן געשעפּט פּרנסה אַ גאַנצע וואָך. געווען אויך יערלעכע ירידים במשך פון יאָר, וואָס מ׳פלעגט זיי דערוואַרטן ווי אַ בכבו־דיקן גאַסט, ס׳זענען אָנגעפאָרן גויים פון דער ווייטער סביבה און יידן

האָבן געהאַט פּרנסה, קרעמער האָבן געלייזט, סוחרים און הענדלער האָבן געקויפט און סתם יידן, בעלי מלאכות זיך איינגעהאַנדלט פאַרשידענע פּראָדוקטן. ס'האָט אויך געטראָפן אַז פּונקט אין דעם מאַרק טאָג אָדער יערלעכן יריד האָט געגאָסן אַ שלאַקס רעגן, אָדער געדרייט אַ שניי־שטורעם און קיין לעבעדיקער נפש איז ניט געקומען, האָט זיך געטאָן חושך אין שטעטל, ווייל אַלע חשבונות און צאָלונגען זיינען געמאַכט גע־וואָרן אויף דעם טאָג, און יידן פלעגן אַרומגיין שווער באַזאָרגט און פאַר־דאגהט. אַרויסגעהאָלפן אין דער שווערער לאַגע האָבן די סאָציאַלע אינ־סטיטוציעס אין שטעטל ווי דער פאָלקס־באַנק און גמילת־חסדים, ווי אויך די פּריוואַטע הלוואות, וואָס האָבן ממש געראַטעוועט דאָס לעבן. אַ גאַר שווערע לאַסט אויף דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען די אַרויפגעלייגטע שטייערן פון דער רעגירונג, וועלכע די אָרעמע קרעמער און הענדלער האָבן ניט געקענט אויסטראָגן אויף זייערע פּלייצעס, די רעגירונג האָט אָנגענומען אַלע מעטאָדן און מיטלען בכדי אויסצופּרעסן ביזן לעצטן גראָשן, און אויסזויגן דעם מאַרך פון די ביינער, ביי די וועלכע האָבן שוין ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו צאָלן האָט מען ליציטירט די שטוביקע מעבל און בעבעכעס, האָט די אַזוי באַקאַנטע גראַבסקי־עגלה געשפּאַצירט אין די אָרעמע יידישע געסלעך, און אויסגעראַמט דאָס לעצטע ביסל יידיש האָב און גוטס. יעדער באַזוך פון שטייערן־מאַנער — (סעקוועסטראַטאָר) האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד און אימה אין שטעטל, און דער סוף איז געווען אַז פיל יידישע קראָמען און געשעפטן ניט קענענ־דיק ביישטיין דעם שטאַרקן דרוק, האָבן זיך געשלאָסן און יידישע משפחות זענען פאַרבליבן אָן פּרנסה־קוועלן.

פיל אַרויסגעהאָלפן אין דער שטייערן־פראַגע האָט דער סוחרים־פאַריין, וועלכער האָט זיך געשאַפן צו דעם צוועק און אַדאַנק זיין פאַר־מיטלונג זיינען אָנגעגעבן געוואָרן פיל ביטעס, און טיילמאָל אויסגעפאַלן צום גוטן, געגעבן אויך עצות און געזאָגט ווי צו לינדערן און פאַר־בעסערן אין דעם שווערן עקאָנאָמישן מצב. אַ געוויסע צייט האָט אויך מיטגעאַרבעט דאָרט דב יואל, פאַר זיין אָפּפאָרן שטודירן קיין דייטשלאַנד.

מיטן אַרויסגעבן די לעצטע יאָרן דאָס צעכן־געזעץ, וועלכער האָט באַדראָט די פּאָזיציעס פון פיל האַנדווערקער אין שטעטל, אַז ס'זאָל ביי זיי צוגערויבט ווערן דאָס רעכט צו אַרבעטן ביי זייער פאַך, האָט גע־בראַכט צו דער גרינדונג פון האַנדווערקער־פאַריין, וואו בראש איז גע־שטאַנען דער באַוואוסטער עסקן משה'ל דרעוויאַצקי און מיכל אייזיקאַ־

וויטש, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַר די אינטערעסן פון די יידישע האַרע־פּאַשניקעס און פיל געלייסטעט אויף דעם געביט.

פילאַנטראָפּישע און סאָציאַלע הילף אין שטעטל

די טראַדיציע פון העלפן און זאָרגן פאַר דעם אָרעמען, קראַנקן און געפאַלענעם איז געווען שטאַרק אָנגענומען אין שטעטל, און ס׳איז היינט צו באַוואונדערן די קאָנסטרוקטיווע הילף וואָס איז געטאָן געוואָרן אויף דעם געביט, געבנדיק די מאַקסימאַלסטע הילף אין פאַרשיידענע פאָרמען מיטן ציל צו לינדערן און פאַרלייכטערן דעם צוטייטן. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט מיטגעבראַכט פאַרשיידענע עפּידעמיעס, און אַ הונגער אין שטעטל, מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען געשוואָלענע, פאַלנדיק ווי די פליגן אויף די גאַסן, און אָט אין דער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע איז גע־קומען די הילף פון אַמעריקאַנער יידנטום, וועלכער האָט געלינדערט די נויט, מיטן אָויפשטעלן אַן אומזיסטע קיך, און פאַרטיילן פּראָדוקטן און מלבושים פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג. די ממשותדיקע הילף איז געקומען שפּעטער נאָך דער וועלט־מלחמה דורך „יעקאָפּאַ״ וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל פאַרלייכטערן און רעסטאַווירירן דאָס עקאָ־נאָמישע לעבן אין שטעטל, און לייגט דעם יסוד פאַר דעם פאָלקס־באַנק אין שטעטל, יעדער האָט געקראָגן לאַנג טערמיניקע הלוואות און דער־מעגלעכט זיך איינוואָרצלען צוריק אין דעם חרוב געוואָרענעם לעבן. מיט יאָרן שפּעטער ווערט אויך געגרינדעט אַ גמילת־חסד־קאַסע וועלכע שטעלט זיך אויך דעם זעלבן ציל, איז אָבער מער צוטריטלעכער פאַרן אָרעמען מענטש. די לעצטע יאָרן ווערט געעפנט אַ צווייטער גמילת־חסד מיט דער הילף פון די יודעלאַנעס אין אַמעריקע, צום אָנדיינק פון פאַרשטאָרבענעם ר׳ חיים פישער, זלמן מיכלס טאַטע און ס׳זענען פאַר־טיילט געוואָרן הלוואות אַן פּראָצענטן.

די אַלע אינסטיטוציעס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון שטעטל, אַדאַנק די סאָציאַלע אַנשטאַלטן האָט מען באַזאָרגט קינדער מיט אַ תכלית, חתונה געמאַכט, דערמעגלעכט עמיגרירן אין די ווייטע לענדער, בעיקר קיין א״י, און אויסגעצאַלט מיט די לעצטע גראָשנס במשך פון יאָרן. אַ חוץ דעם האָבן עקזסטירט פאַרשיידענע סאָ־

ציאַלע אַנשטאַלטן ווי דער בקור חולים, שפּעטער משמרת־חולים, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען זאָרגן פאַר דער אָרעמער קראַנקער באַפעל־קערונג, באַזאָרגן זיי מיט הייל־מכשירים און רפואות וואָס האָבן זיך געפונען אין זייער רשות, אויך געווען איינגעפירט אַז ביי שווער קראַנקע אַן אונטערשייד פון סאָציאַלן שיכט, פלעגט מען נעכטיקן ביינאַכט און מיט דעם פאַרלייכטערן די משפחה־מיטגלידער. א פיל פּראָדוקטיווע טעטיקייט איז געטאָן געוואָרן דורך יחידים, שוין געווען די געשוואָרענע „פאַרלעך" וואָס פלעגן זיך אַרומדרייען אין שטעטל קלייבן אַ „נויטיקע נדבה", געווען פיל יורדים געפאַלענע באַלעבאַטים אין שטעטל, וועלכע מ'האָט בשתיקה דורך מתן בסתר אונטערגעשטיצט. כדי צו דערמאַנען אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג וועלכע איז אַמאָל געשפּילט געוואָרן מיטן צוועק אַרויסהעלפן אַ גאַנץ בכבודיקע משפחה און „שטעלן" איר אויף די פיס. ס'דערמאָנט זיך, אַן עפּיזאָד ווען אַמאָל דערוויסנדיק זיך אַז ביי אַן אָרעמע משפחה איז ניטאָ קיין שייטל האָלץ צום הייצן און זיי פרירן פון קעלט, האָבן זיך חברה אַ נעם געטאָן און איבערגעפירט אינמיטן נאַכט פון בית עצים וואָס האָט געהערט צום בית המדרש פיל שליטעלעך מיט האָלץ. און דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן לזכות דעם אַלטן ר' הירשע נתן און איטקע טשערנעס וואָס האָבן פיל אויפגעטאָן אויף דעם געביט און ס'זיינען ניט געווען קיין הונגעריקע אין שטעטל, אויך די אָרעמע קינדער באַזאָרגט לערנען אָן שכר־לימוד פריער אין תלמוד־תורה, און שפּעטער אין דער געגרינדעטער פאָלקס־שול.

מחלוקתן אין שטעטל, זעכציקער און פערציקער

מ'האָט שוין אַזוי באַשאַפן דאָס שטעטל, אַז קיין מחלוקתן און קריגערייען האָבן ניט אויסגעפעלט. איז איך מחלוקת אַראָפּ פון דער אַרענע, האָט זיך באַלד אַ צווייטע צעפלאַקערט. גאָר אַמאָל האָט זיך געפירט אַ מחלוקת צווישן די „זעכציקער" און די „פערציקער". אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָכדעם ווי דער אַלטער רב ר' יעקב איז נפטר געוואָרן. אין שטעטל האָט מען געדאַרפט נעמען אַ צווייטן רב. ס'האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קיין סוויר פאַרנעמען דעם כסא הרבנות, וועלכער האָט זיך גערעכנט אַלס בכבודיקער אָרט און געשמט מיט אירע למדנים, פיל רבנים, צווישן זיי איז אויך געווען הרב חיים עוזר גראָדזענסקי וועלכער

האָט שפּעטער פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין ווילנע און געווען איינער פון די פירער פון דער „אגודה" אין פּוילן. מ׳דערציילט, אַז ער איז נכשל געוואָרן צוליב דעם וואָס ער איז געקומען אַנגעטאָן אין שיך מיט קאַ־לאָשן, וואָס איז געווען אין יענער צייט צו וועלטליך, אינדערצייט ווען אַלע רבנים זיינען געקומען אין שטיוול.

ביי אַ פּערציק רבנים האָבן דאַן באַזוכט סוויר, און אויף יעדערן האָט מען געפונען אַ פּגם, ביז סוף כל סוף האָט נושא חן געווען דער וואָראָנאָווער רב, ר׳ נפתלי מוסנזאָן, וועלכער איז געווען אַן אלמן מיט 5 קינדער, און האָט איינגעשטימט צו נעמען די רביצין ר׳ יעקבס אלמנה וואָס איז איבערגעבליבן מיט אַ טאָכטער. די קצבים האָבער האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת, אָבער אַ שטעטל קען דאָך אָן אַ רב ניט בלייבן האָט מען געבראַכט דריי רבנים פון דער סביבה, צו געפינען אַ פשרה, איז נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת האָבן זיי באַשלאָסן אַז מ׳זאָל גיין פון שטוב צו שטוב און פרעגן יעדערן זיין מיינונג, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז זעכציק זיינען געווען פאַרן רב און פערציק קעגן. די מינדערהייט אָבער האָט זיך ניט אונטערגע־געבן און געפאָדערט נעמען דעם סמאַרגאָנער רב. האָבן זיך ווידער די רבנים אַריינגעמישט, און געפונען אַן אויסוועג ווי צו ליקווידירן דעם סכסוך, און נאָכגעגעבן די פערציקער וועלכע האָבן געפאָדערט אַריינ־וואַרפן צוויי צעטלעך פאַר זייער אָפּגעגעבענער שטים. און נאָך אַלעמען האָבן די זעכציקער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון און באַקומען אַ מערהייט, און דער וואָראָנעווער רב האָט פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין סוויר.

אַז דער רב ר׳ נפתלי דוד מוסנזאָן האָט געדאַרפט אָנקומען אין שטעטל, זיינען אים אַרויסגעפאָרן אַנטקעגן פערציק פורן מיט מענטשן, אַזוי גרויס איז געווען די התלהבותדיקע שטימונג פאַר אים, ביי זיינע דרשות איז די שול געווען געפּאַקט. האָט זיך גערעכנט אַלס אויסגע־צייכנטער דרשן און למדן, אָבער מיט דעם האָט זיך די מחלוקת צווישן די זעכציקער און פערציקער ניט פאַרענדיקט. יאָרן נאָכאַנאַנד געשטאַ־נען אין אָפּאָזיציע איינער קעגן די אַנדערע, ביז ס׳איז אויפגעשוואומען אַ נייע מחלוקת אין שטעטל, און די ערשטע פאַרשטויסן אין אַ זייט.

גאַס און יורזקע

סוויר איז געבענטשט געוואָרן פון ביידע עקן פון שטעטל מיט צוויי מערק, און דאָס איז געווען דער סלע המחלוקת פון דורות, פאַראייניקט

האָט זיי אַ לאַנגע גאַס אָנגעזעצט מיט קרעמלעך און קלייטלעך, האָט זיך געפירט זינט סוויר איז געווען אַ שטעטל מיט שטעטלעך צוגלייך. אַז דער תבואה־מאַרק פלעגט זיך אויסשטעלן טאַקע אויף דער לאַנגער גאַס, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַרן האַנדלס־צענטער אין שטעטל, און גוּאישע פורלעך פלעגן זיך אויסשטעלן פון בײדע זײטן און מיט די האַלאַבלעס אַרײנקריכן אין די ײדישע פענסטער.

דאָרט אין צווייטן עק שטעטל אויף יורזקע איז געווען דער פערד־מאַרק, האָבן אָבער די געציילטע ײדן פון יורזקע מקנא געווען זייערע ברידער פון „גאַס", הלמאי בײ זײ געפינט זיך דער תבואה מאַרק, און פאַר זײ נאָר איבערגעלאָזן ס׳הירזשען פון די פערד„, און געוואַלדעווען פון די חזרים, און אָנגעהויבן קלאַפּן אין די הויכע פענסטער פון מלכות, ביז מ׳האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מהיום והלאה פירט מען אַריבער דעם תבואה מארק אויף יורזקע, און דעם פערד מאַרק אויפן לידיקן פּלאַץ אין צווייטן עק שטעטל וואו ס׳געפינען זיך אַ קליינע צאָל ײדן און די „גאַס" מיט די ײדן איבערלאָזן אויף הפקר אָן פרנסה. יענער טאָג איז געווען חושך אין שטעטל. די גאַסיקע ײדן האָבן אויפגעהויבן אַ ויצעקו, געלאָפן צו מלכות, און פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרשאַרפטע מלחמה צווישן יורזקע און גאַסיקע, יורזקע איז געווען די ערשטע יאָרן ווי אַן אָפּגעשלאָסענע געטאָ, האָבן זיך געמאַכט אַן אייגענעם מנין, און ניט געקומען אין קאָנטאַקט איינע מיט די אַנדערע, האָט אַ בחור פון „גאַס" זיך פאַרליבט אין אַ מיידל פון יורזקע האָט די משפחה בשום אופן דעם שדוך ניט דערלאָזן, שפּעטער אָבער ביי דעם אונטערגעוואַקסענעם יונגן דור, זיינען די אַנטאַגאָניזמען אָפּגעווישט געוואָרן, ווען העכערע פּראָבלעמען און אידייען האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן אין לעבן.

קלאַסנקאַמף אין שטעטל

קיין גרויסע אַנטוויקלטע אינדוסטרי און אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט האָט סוויר ניט פאַרמאָגט, דער איינציקער הויכער קוימען פונוואַנעט ס׳פלעגט קנאַלן אַ געדיכטער שוואַרצער רויך, איז געווען פון דער קהלשער באד וועלכע מ׳פלעגט הייצן יעדן ערב שבת און יום־טוב, און ײדן זיינען געקומען זיך שמייסן מיט בעזימער.

די איינציקע פאַבריקאַציע איז געווען די פּאָר קליינע גאַרבאַרניעס הינטערן שטעטל, וואו יעדער פאַבריקאַנט האָט מיט די אייגענע הענט אויסגעפּאַרטיקט די פעל און קיינעם ניט עקספּלאָאַטירט. געווען אין שטעטל אַ פּאָר נגידים, וואָס מ׳האָט זיי געקענט אויסציילן אויף די פינ־גער, וואָס זייער גאַנצע נגידהשאַפט איז באַשטאַנען פון פאַרמאָגן אַן אייגענע שטוב מיט אַ בהמה, און ,,אַ שטאָט״ אין מזרח און אויף שבת זיך איינהאַנדלען אַ פעטן חלק פלייש מיט אַ לעבעדיקן העכטל. אינדער־צייט ווען דער געמיינער עולם האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ הענדל, און אַ מעסטל „פּלאָטקעס״ אָדער „יאַזגורעס״. געווען אין שטעטל אַ שפּאָר ביסל באַלעמלאָכעס וואָס אַ טייל פון זיי זיינען אין די יונגע יאָרן געווען גאָר גרויסע רעוואָלוציאָנערן, אָבער אויף דער עלטער איינגאַנצן זיך אויס־געוועפּט און אָפּגעחושכט דעם גאַנצן לעבן פון פינסטער ביז פינסטער צוזאַמען מיט זייערע לערניינגלעך אויפן זעלבן אַמאָליקן שטייגער. דאָך פלעגן אויסברעכן סאָציאַלע קאָנפליקטן צווישן דעם באַלעבאַטישן קלאַס און האָרעפּאַשנעם דעמאָקראַטישן טייל, ס׳רוב פון שטעטל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן נעמען אַ רב אָדער אַנדערע כלי־קודש, ביים אויפ־שטעלן פאַרשיידענע קהלשע אינסטיטוציעס, העכערן די „קאָראָבקע״ און אַנדערע שטייערן, וועלכע זיינען געפאַלן צולאַסט אויף די אָרעמע שיכטן. און דאָ זיינען די אַלע סאָציאַלע קעגנזאַצן און אינטערעסן אויפ־געשוואומען אין דער פולער שאַרפקייט.

ס׳האָט אויך אָפט מאָל דיקטירט דאָ דער ריין עטישער מענטשלע־כער מאָמענט צו מחלוקתן אין שטעטל. אָט צום ביישפּיל ווען מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט אין שטעטל דעם לעצטן חזן שפּיראָ וועלכער איז געווען גלייכצייטיק אויך שוחט, האָט שטאַרק פּראָטעסטירט דער צווייטער צד, וועלכער האָט ניט געקענט צוזען די עולה. אָבער דעצידירט האָבן פאַר־שטייט זיך, די ערשטע, און פאַרטריבן דעם אַלטן שוחט צדוק׳ן פון שטעטל.

אַרום דער פעריפעריע פון בית־המדרש האָט זיך אָפּגעשפּילט דער גאַנצער קלאַסנקאַמף. מעכב קריאה זיך איז געווען דער כלי־זין ווי אַ גענעראַל־שטרייק אין דער גרויסער וועלט. מיט דעם איז אויסגעדריקט געוואָרן דער סאָציאַלער פּראָטעסט און אומרעכט וועלכער איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן יחידים אָדער אָרעמען שיכט פון שטעטל.

די תורה איז גענומען געוואָרן אין משכון אַלס פאַרמיטלער צווישן ביידע צדדים, ביז מ׳איז סוף כל סוף געקומען צו אַ פּשרה און מעביר

סדרה געווען. כדאי צו פאַרצייכענען פאַלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן עפּי־זאָד מיט שמעון דעם שפּיאַלער, אַ פּשוטער ייד אַ באַלעגאַלע וועמען מפלעגט שטענדיק מכבד זיין מיט אַ „פאַרפוילטע" עליה אין שול, ביז ער האָט איינמאָל אַלס פּראָטעסט אויסגעשריען בקול רם אינמיטן בית־המדרש, די פאַרפוילטע עליהס האַלט פאַר זיך, און ניט עולה געווען. ס'איז אויסגעבראָכן אַ טומל, די עמך־יידן האָבן אים באַרעכטיקט, מ'האָט אָנגעהייבן פּאַטשן אין די שטענדערס, דער ערשטער סיגנאַל צו אַ מחלוקת, און ווען ניט זיין טאַטע דער אַלטער ר' אברהם הירש וועלכער איז עולה געווען אויף זיין אָרט, איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ סקאַנדאַל. אַ צווייטער טומל איז אויסגעבראָכן אין בית־המדרש, ווען איינמאָל אַ שבת זיינען בר מצוה געוואָרן צוויי ייִנגלעך, און דעם נגיד'ס ייִנגל האָט מען אויפגערופן מפטיר. די עולה האָט ניט געקענט פאַרליידן איצקע דער שוסטער, אַן ערלעכער אַרבעטער מיט אַ וואַרעם האַרץ, און אַרויסגע־רופן אַ טומל, הלמאי שמערל דעם שוסטערס יתום איז געקריוודעט גע־וואָרן. אַזעלכע פאַלן האָט פּאַסירט גאַנץ אָפט, ווען דער סלע המחלוקת איז געווען דער ריין אינסטינקטיווער סאָציאַלער מאָמענט.

דאָקטוירים און זנאַכערס אין שטעטל

פון שטענדיק אָן האָט מען שטאַרק געגלויבט אין שטעטל אין באַבסקע רפואות, געווען אַ ספּעציעלער שליח הירשע ברוכ'ס וואָס פלעגט די אַלע מעדיקאַמענטן און „רעצעפּטן" צושטעלן פון דער פרעמד ביי די באַרימטע גויעס און קדרים פון דער סביבה.

חוץ דעם זיינען מיר אין שטעטל געבענטשט געוואָרן מיט אייגענע זנאַכערס, געווען אַ יידענע העניע הירשעס וואָס דאָס שטעטל האָט אין איר שטאַרק געגלויבט, אין אַן עת צרה און אומגליקס פאַל, האָט מען זיך מיט איר באַראַטן, און צו יעדע מחלה געהאַט איר תרופה. מיר האָט מען אַלס קליין ייִנגל געבראַכט צו איר מיט אַן אויסגעלינקטן פוס. צוערשט האָט זי מיר אָנגעקוקט אונטער די ברילן, נאָכדעם באַפוילן אַוועקלייגן מיר אויפן קאַשעטקע וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל, און אַריינגערופן עטלעכע מענער פון גאַס מיר האַלטן שטאַרק, און אַליין אָנגעהויבן ציען מיט אַלע כוחות. מיינע געוואַלדן זיינען דערגאַנגען ביזן הימל פאַר ווייטיק,

און נאָך דעם מיר געגעבן אַ קניפּ אין בעקל און פאַראָרדנט מיט איר גראָבן קול, לייגן קאָמפּרעסן פון ליים מיט עסיג ביז די געשווילעכץ וועט פאַרבייגיין.

געווען נאָך אַ מומחה אין שטעטל סיאַמקע דער קדר. צו אים פלעגט מען קומען נאָר אָפּשפּרעכן. אַז מיין ייִנגערער ברודער האָט אַמאָל אָכאַפּ געטאָן די ציין און געקראָכן אויף די ווענט פון ווייטיק, קיין ציין דאָקטאָר איז אין שטעטל ניט געווען, האָט מען באַשלאָסן גיין צו סיאַמקע דעם קדר „פאַריידן". איך בין אויך נאָכגעלאָפן, ערשטנס אויס נייגעריקייט, והשנית האָב איך ניט געקענט צוזען דעם צער פון ברודער. געוווינט האָט ער אין אַ זייטיק געסעלע אין אַ קליין נידעריק הייזל, וואו אַריינגייענדיק האָט מען געדאַרפט איינבייגן דעם קאָפּ, וואו ס'האָט באַלד אַ שלאָג געטאָן אַ שטאַרקער איבלדיקער ריח פון רויע פעל וועלכע ער האָט אויסגעאַרבעט. אַליין אַ נידעריקער מיט אַ רויט פּנים פאַרגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם פאַרטוך, און די הענט אויסגעשמירט אין דזיעזעכץ, האָט אונז באַלד ווארים אויפגענומען און דעם פּאַציענט וועלכער איז געווען אַרומגעוויקלט מיט פאַטשיילעס און טיכלעך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, און אָנגעהויבן שעפּטשען אינדערשפּיל. מיין קינדערש הערצל האָט געטאַנצט פאַר פרייד וואָס אָט נעמט ער באַלד צו די ציין־ווייטיק ביים ברודער, און צוריקגייענדיק אַז מ'האָט אים געפּרעגט צי פּילט ער אַ פאַרבעסערונג, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ...

איבערהויפּט האָט מען געגלויבט אין אָפּשפּרעכן אַן עין הרע. געווען אין שטעטל אַזעלכע ווייבער פאַר וועלכע מ'פלעגט ציטערן אימת מות. מ'האָט זיך איינגערעדט אַז זיי האָבן אַ שלעכט אויג, אויף וועמען זיי גיבן נאָר אַ קוק וועט שוין גלאַט ניט דורכגיין. אָבער אויך צו דעם האָט מען געפונען אַ תרופה, אָפּשפּרעכן אַן עין הרע. געווען אין שטעטל אַן ערלעכער ייִד, ר' הירשע נתן. צו אים פלעגט מען קומען פון גאַנץ שטעטל אָפּשפּרעכן און אויסמיידן די סכנה.

האָט זיך ווער פאַרקילט און געכאַפּט אַ שטעכעניש און ברעכעניש, האָט מען באַלד גערופן רישען וואָס פלעגט אַראָפּקומען מיט אירע גלעזערנע כוסות און שטעלן באַנקעס, פריער עס אונטערוואַרעמען מיט אַ ליכט און אויסשטעלן זיי ווי סאָלדאַטן אויפן רוקן, און מ'פלעגט ממש געראַטעוועט ווערן. פלעגט אַ קינד זיך איבערשרעקן, האָט מען גערופן איטקע טשערנעס וואָס פלעגט אַראָפּקומען מיט א קנייכל פאָדים אויסמעסטן און די שרעקעניש פלעגט פאַרבייגיין.

דאָקטוירים

חוץ דעם זיינען אין שטעטל געווען איינציקע דאָקטוירים, דער פּאָפּו־לערסטער פון זיי איז געווען ד"ר קאַלישקע, אַ טיפּישער היזיגער רוס מיט אַ קורץ ווייס בערדל. ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גוטן דאָקטאָר, שטעלנ־דיק דעם ריכטיקן דיאַגנאָז, אָבער געהאַט זיינע באַזונדערע קאַפּריזן און ספּעציפישע טעאָריעס, ווי צום ביישפּיל, ניט שלאָפן אויף אַ פערענע נאָר אויף אַ שעניק, זיך ניט צודעקן מיט אַ וואַטאָווע קאָלדרע נאָר מיט אַ דעקע און ביי יעדן באַזוך זיינעם האָט מען שטרענג אָפּגעהיט די אַלע כּללים. חוץ דעם האָט געדאַרפט ביי זיין באַזוך הערשן אַ טויטע שטיל־קייט. די קינדער פלעגט מען אַרויספירן פון שטוב, און ער אַליין נאָך דער אונטערזוכונג פלעגט לאַנג אַרומשפּאַצירן איבער דער שטוב, די הענט פאַרפלאָכטן אויף הינטן איבערן קאָפּ מיט אַ ציגאַר אין מויל און בלאָזן דעם רויך אינדערהויך און ערשט דאַן זיך אַוועקזעצן און אָנשרייבן אַ רעצעפּט.

געציילטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען אַ דאָק־טאָר מיטן נאָמען קאָמינער, וועלכער האָט באַלד פאַרלאָזן דאָס שטעטל, און האָט זיך פּאָפּולער געמאַכט מיט זיין ציוניסטישער טעטיקייט. פיל יאָרן האָט געלעבט אין שטעטל זלמן דער פעלדשער וואָס האָט אויך געהאַט אַן אַפּטייק, אַ נידעריקער מיט אַ גראָ בערדל און מיט אַ פּאָר גאָלדענע פענסנע פלעגט ריידן געלאַסן, גוטמוטיק און געדולדיק אַלעמען אויסהערן, פאַרן אַוועקגיין פלעגט ער שטענדיק זאָגן נו מיר וועלן זען מאָרגן. האָט מען אים גערופן אויף מאָרגן האָט ער ווידער איבערגעחזרט די זעלבע זאַך...

געווען אין שטעטל אַ קריסטלעכער פעלדשער, מאָרגעוויטש. צו זיין קאַריערע איז ער דערגאַנגען אַרבעטנדיק אין שפּיטאָל אַלס סאַניטאַר בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, און ערוואָרבן פיל ידיעות און פּראַקטיק. ער האָט זיך גערעכנט פאַרן דאָקטאָר פון דער אָרעמקייט. אַליין פּשוט אָנגעטאָן, פאָלקסטימלעך געשטימט פלעגט באַזוכן אין אַלע פאַרוואָרפענע געסעלעך און צייטנווייז ניט נעמנדיק קיין געלט פאַר זיין וויזיט ביי די אָרעמע. געווען אָנגענומען אין שטעטל.

מיינע מלמדים

ס׳זיינען געווען אין שטעטל אַ גרעסערע צאָל מלמדים, ווי משה אהרון, שמעון לייזער, דער דובניקירער, דער פּאַסטאַווער א. א. איך באַשרייב נאָר די מלמדים ביי וועלכע איך האָב געלערנט.

מיין ערשטער רבי איז געווען הירשע נתן, אַ הויכער איינגעבויגענער ייד מיט אַ ברייט צעקעמטע גראָע באָרד. צו זיבן יאָר האָט מיר די מאַמע געבראַכט צו פירן אין חדר, און באַלד ביים צוזעצן זיך צום טיש, האָט אַ מלאך אַראָפּגעוואָרפן אַ מטבע פון הימל. מיין קינדערש הערצעלע האָט אויפגעציטערט.

✶

דער חדר האָט זיך געפונען אין אַ שמאָל געסעלע, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן, וואָס הינטער אים האָבן זיך געצויגן גרינע גערטנער. דעם רבינס שטוב איז געווען אַ נידעריקע מיט קליינע פענסטער וואו די זון האָט זעלטן וועלן אַריינגעשיינט. דער רבי הירשע נתן איז געווען אַ געלאַסענער, גוטמוטיקער ייד, קיינמאָל קיין האַנט אויף אַ קינד ניט אויפגעהויבן, געהאַט פיל פרייע צייט צום שפּילן זיך אויפן הויף וואו דער שטח איז געווען באַגרענעצט. הירשע נתן האָט געהאַט זיינע ספּעציעלע שיטות און מעטאָדן ביים לערנען, געווען איז ער אַ דרדקי מלמד און מיט יעדן אָנפאַנגער זיצן איינגעבויגענערהייט מיט אַ לאַנגן טייטל אין האַנט און קנעלן דעם אלף בית. איך געדיינק נאָך די גרויסע פּירקאַנטיקע קדוש לבנה אותיות וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פון דער ערשטער פּאַרגעלבטער בלאַט, פון וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען, און באַלד נאָך אים דער „מודה אני״ און ברכות וואָס יעדער יידיש יינגעלע האָט געדאַרפט וויסן אויף אויסנווייניק. שפּעטער שוין אַז מ׳האָט שוין פאַרשטאַנען אַ צורת אות האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שעפּטשענען ביי אויפשטעלן די איינצלנע אותיות און אויפבויען גאַנצע ווערטער, פריער שעפּטשענדיק אין זיך איינ־חזרן מיט אַ ציטערדיקער ניט זיכערער שטים יעדן אות באַזונדער, מיט אַ ניגון קמץ אַלף אָ אָ.א.ו. ווערנדיק אַרויסגעהאָלפן דורך דעם רבין מיטן טייטל אין האַנט וואָס האָט געדינט אַלס מורה דרך. און דערנאָך שוין זייענדיק מער זיכער אַרויסלייענען אויפן קול.

נאָכן ענדיקן דעם ערשטן זמן געקענט פריי לייענען עברי און אָנ־שרייבן אַ וואָרט.

דעם צווייטן זמן געלערנט שוין חומש, און דאַן איבערגעגאַנגען לער־
נען צו ברוכן אין חדר.

ברוכ׳ס חדר

ברוכ׳ס חדר האָט געהאַט אַ שם אין שטעטל און דערצויגן פיל תלמי־
דים וואָס זיינען היינט צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט.

די לעצטע צייט זיך מאָדערניזירט, געלערנט אויך וועלטלעכע למודים.

ברוך איז געווען מער לערער ווי רבי, לעבנדיק אָבער אין די קליינ־
שטעטלדיקע פאַרהעלטענישן איז ער געצוואונגען געווען זיך צופאַסן צו
די אַלטע אָנגענומענע דאָגמען און טראַדיציעס. להפך צו די אַנדערע
מלמדים געווען הויך, גלייך מיט אַ קורץ געשוירענער באָרד. הינטער די
גאָלדענע פענסנע וואָס האָבן אים צוגעגעבן אַן אינטעליגענטישן אויסזען,
האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר קלוגע שטריינגע אויגן. אַליין געווען אַ משכיל,
האָט אַבאָנירט אַ טעגלעכע צייטונג, און געלייענט ביכער פון דער פאָלקס־
ביבליאָטעק, געווען אַ הייסער ציוניסט, און אין יאָר 1925 ביי דער איינ־
געאָרדנטער אַקאַדעמיע צו דער דערעפענונג פון דעם ירושלימער אוני־
ווערסיטעט, אַרויסגעטראָטן צווישן אַנדערע מיט אַ העברייאישער באַגייס־
טערטער רעדע. ער האָט זיך אויך גערעכנט אַלס גוטער בעל־תפילה, גע־
ווען אַ גרויסער תנ״ך־קענער און בעל דקדוק, האָט זייער מקפּיד געווען
זעצן גוט די עברי און אַכטונג געגעבן אויף די אַלע כללים.

דאָך האָט זיך זיין חדר אויסערליך ניט אויסגעטיילט פון אַנדערע.
געוווינט אין אַ קליין איינגעזונקען שטיבעלע ד׳ אויף ד׳ וואו מ׳האָט דאָרט
אַריינגעפּאַקט 40 ייִנגלעך צוזעצט אַרום שמאָלע טישן אין באַזונדערע
כיתות, און ס׳האָט גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. ברוך דער מלמד האָט
געוואָרפן „אַן אויג״ אויף אַלעמען. ביי אים אין חדר האָט געהערשט אַן
אייזערנע דיסציפּלין, און שטריינגער רעזשים פון לערנען, און חברה האָבן
פאַר פּחד געלערנט מיט התמדה און שפּעטער אים דאַנקבאַר געווען פאַר
די פיל ידיעות און קענטענישן וואָס מ׳האָט דערוואָרבן. שפּעטער אָנהייבנ־
דיק לערנען אין דער „תרבות״־שול בין איך שוין געווען אַ גאַנצער קענער
פון תנ״ך און יידישע געשיכטע און באַהערשט די העברייאישע שפּראַך.

דאָך פלעגן מיר דורך כלערליי קונצן אָפּנאַרן דעם רבין און זיך אַרויס־
כאַפּן אין דרויסן.

די בעסטע צייט פאַר אונדז איז געווען זומער. דער חדר איז געווען

ממש ביים אָזערע, און ביי יעדער געלעגנהייט זיך באָדן, אַ שפּילע טאָן דעם פּאַרטיכל און שוין אין וואַסער, זיך אויך פּאַרמעסטן וואַרפן „פליטן" אויפן וואַסער און אַנדערע קינדערשע שפּילן. ווינטער זיך גליטשן, און פאַר פּסח זיך אַרויפכאַפּן אויף די שווימענדיקע קריעס ביים ברעג. האָט געטראָפן אַמאָל אַז חברה האָבן זיך אָפּגעטונקט אין וואַסער, האָט זיי ברוך דער מלמד אַריינגענומען אין שטוב, אַרויפגעזעצט זיי אויפן אויוון, און געוואַרט ביז זיי האָבן זיך אויסגעטריקנט.

ווינטער בין השמשות ווען דעם רבין פלעגט זיך פאַרגלוסטן גיין דאַוונען מעריב אין בית־המדרש זיינען פאַר אונז געווען די בעסטע שעה'ן. אין חדר איז טונקל, אַלע זיצן צוזאַמען, און דערציילן זיך פאַרשיידענע מעשיות וועגן שדים און גזלנים, ביז דער רבי פלעגט אַריינקומען און אָנצינדן אַ לאָמפּ און איבערייסן די געוועבטע אידיליע.

ווינטער האָט מען געלערנט ביז שפּעט אינדערנאַכט, און יעדערער האָט געהאַט זיין לאַמטערנע גייענדיק אַהיים, באַלויכטן די פינסטערע געסעלעך. אין אַסיען־צייט איז געווען אַ געדיכטע בלאָטע, און ווינטער גרויסע הורבעס שניי. די בעסטע צייט איז געווען סוף'ן זמן פאַר פּסח. דאַן איז יעדער געווען אַ פרייער פויגל.

שפּעטער, מיטן גרינדן די תרבות־שול איז ברוך איינגעשלאָסן געוואָרן צום לערער־פּערסאָנאַל, איז אָבער נאָך אַ קורצער צייט אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע צו זיינע קינדער, און פון דאָרט קומט ברוך קיין א"י צו זיין טאָכטער חיה, שטאַרבט אָבער נאָך אַ קורצער קראַנקהייט באַלד נאָך זיין קומען

דאָס שול וועזן

דער גייסט פון די נאָך מלחמה יאָרן האָט געלייגט דעם סטעמפּל אויף אַלע אָפּשניטן פון לעבן. באַלד אין די ערשטע יאָרן קומען אויף נייע פאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס וועלכע האָבן צוגעגעבן דעם שטעטל אַ נייעם קאָלאָריט און אינהאַלט, און געהאַט אַ השפּעה צענדליקער יאָרן ביזן לעצטן חורבן.

איינע פון די דעמאָלסדיקע דערגרייכונגען איז געווען די גרינדונג אין יאָר 1921 די ידישע וועלטלעכע שול (צ.ב.ק.) אין סוויר. דאָס איז

געווען אַ קאַלאָסאַלער אויפטו, און גוואַלדיקע איבערקערעניש אין דער דעמאָלסדיקער דערציאונג, ביז דאַן האָט געהערשט דער חדר, גרעסערע יינגלעך געשיקט לערנען אין די ישיבות ווי „ראַמיילעס" אַשמיאַנער א. א. מיידלעך געלערנט פּריוואַט ביי די לערער אַבראַמאָוויטש און ברוך בערלען, ניט פאַרמעגלעכע מיידלעך האָבן געלערנט עברי ביי כאַשע דאַבען. אַזוי האָט אויסגעזען די דערציאונג אין שטעטל. איז די גרינדונג פון דער יידישער שול געווען אַ רעוואָלוציאָנערער שריט, און געגעבן אַ מעגלעכקייט אלעמען סיי יינגלעך און מיידלעך לערנען. דער אַלטער בנין פון דער תלמוד תורה האָט געדינט אַלס אָרט פאַר די למודים. די ערשטע לערער לחם און קאָפּעלאָוויטש נאָך אין די סטודענטישע היטע־לעך, האָבן צוגעצויגן לכתחילה נאָר די דערוואַקסענע קינדער. די קלענערע האָבן ממשיך געווען לערנען אין די חדרים וועלכע האָבן אַדאַנק דער געשאַפענער שול איינגעפירט נייע מאָדערנע מעטאָדן און שיטות, צום ביישפּיל אָנגעהויבן לערנען מיט דער הילף פון אַ לערערין אויך אַלגעמיינע למודים ווי חשבון, פּויליש און געאָגראַפיע, אויך איינגעפירט מער ליבעראַלע שטראָף מיטלען ווי שטעלן אין ווינקל, אַנשטאָט שמייסן און שלאָגן מיט דער לינייקע...

צום צווייטן יאָר טוישן זיך די לערער, און ס׳קומען שולמית מאַזור און ראַגאָווי, דער לעצטער אַלס לערער פון העברייאיש און יידישער געשיכטע, אונטערן דרוק פון די געגרינדעטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואַרפט מען אום די יידישע שול, און מ׳בויט אויף די תרבות שול וועלכע האָט עקזיסטירט ביזן חורבן.

די ראָל פון יידישן לערער אין שטעטל

אָנהייבנדיק פון ערשטן העברייאישן לערער חיים ראַגאָווי וועלכער האָט ממש רעוואָלוציאָניזירט דאָס שטעטל מיט דער גרינדונג פון צעירי־ציון און „החלוץ" און צווייטן לערער דאַלינקאַ, וועלכער שאַפט דעם „השומר הצעיר" ווערבירט פון די שול קינדער, האָבן אויך די שפּע־טערדיקע לערער וועלכע פלעגן זיך טוישן יעדעס יאָר, אַריינגעבראַכט אַ נייע קולטור אַטמאָספערע און געדינט אַלס די קולטור־טרעגער אין שטעטל, געפירט אָוונט־קורסן פאַר די אָפּגעשטאַנענע דערוואַקסענע יוגנט, אַרויסגעטראָטן מיט רעפעראַטן, באַטייליקט זיך אויף פאַרשיידענע אַקאַדעמיעס און קעסטל־אָוונטן. אַ טייל פון די אַביטוריענטן פון דער

אַרטיקער תרבות שול האָבן ממשיך געווען זייערע לימודים אין ווילנע, און די לעצטע יאָרן האָט סוויר זוכה געווען צו אייגענע לערער און לערערינס.

די לאַסט פון דער פאָלקסשול איז אויסגעטראָגן געוואָרן אויף די אייגענע פּלייצעס און דער שכר למוד איז געווען אַ הויכער. צו הילף איז געקומען די ציוניסטישע יוגנט וועלכע האָט געטראָגן די אחריות פאַרן גורל פון דער שול. געווען אַ תקופה ווען מ'איז יעדע וואָך גע־גאַנגען זאַמלען געלט ביי די וועלכע האָבן זיך פאַרפליכטעט צו צאָלן. חוץ דעם זיינען געשפּילט געוואָרן פיל טעאַטער פאַרשטעלונגען וועלכע האָבן אריינגעטראָגן באַדייטנדע סומען און דערמעגלעכט אַז אַלע קינ־דער אין סוויר זאָלן ארעם און רייך האָבן געלערנט אין דער תרבות־שול. און נאָך די לעצטע יאָרן האָט די פּוילישע „פּאָושעכנע" שול צוגעצויגן אַ טייל פון די יידישע קינדער. סווירער יוגנט האָט באהערשט די העברייאישע שפּראַך און געווען באַקאַנט אין דער יידישער און העבר־רייאישער ליטעראַטור, און ס'רוב געווען אָרגאַניזירט אין די ציוניס־טישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס און אַ גרויסער טייל פון זיי עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

זכרונות פון די שול יאָרן

אריבערגייענדיק לערנען פון חדר אין דער ניי־געגרינדעטער יידי־שער פאָלקס שול האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייע וועלט. אַנשטאָט דעם ענגן דומפּיקן חדר, וואו מ'איז געזעסן אָנגעזעצט איינער אויפן אַנדערן זיינען מיר איבערגעגאַנגען לערנען אין גרויסע, ליכטיקע צי־מערן, אַנשטאָט דעם בייזן קוק, און שטענדיקן פּחד פאַרן רבין און זיין קאַנטשיק, האָט אונז באַגעגנט אַ פריינדליך וואַרעמער גוט־מאָרגן פון לערער, און טיף מענטשלעכער צוגאַנג.

אַנשטאָט זיצן שעה'נלאַנג ביז שפּעט אינדערנאַכט אין חדר, האָט אונז דאָ אין שול דער גלעקל נאָך יעדע לעקציע דערמאָנט וועגן אַ הפסקה, און אַריינגעכאַפּט אַ שטיף טאָן אינדרויסן.

נאָך אַ פּאָר יאָר עקזיסטענץ פון דער יידישער שול האָט מען איר שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ העברייאישע, אָבער איינגעקריצט זיינען מיר דוקא געבליבן די ערשטע יאָרן מיטן יידישן לערער־פּערסאָנאַל.

צו יעדן יום־טוב פלעגט מען איינאָרדענען קינדער פאָרשטעלונגען און פייערונגען. ס'זיינען נאָך פריש אין זכרון די פאָרשטעלונגען וועלכע ס'האָט מיט אונז איינרעזשעסירט די לערערין שולמית פּאַפּירמייסטער, ווי „שלמה'לעס חלום" וואו די הויפּט־ראָל האָט געשפּילטביילע בלאַכער, „שניי מענטשעלעך" א. א. וועלכע זיינען אויסגעפירט געוואָרן אויף אַן עכט קינסטלערישן אופן, טראָץ די ספּעציפישע באַדינגונגען אין שטעטל. אויך פלעגן מיר איינאָרדנען שפּאַצירן און אויספלוגן, ווינטער אויף דער איינגעפרוירענער אָזערע, און זומער אין וואַלד.

געדענק איך אַ ל"ג בעומר שפּאַציר. אויסגעשטעלט אין רייען האָבן מיר דעם גאַנצן וועג געזונגען צווישן זיי דאָס ליד „היערה, היערה בקשת וחץ"...

אָנקומענדיק אין וואַלד ווען די נאַטור אַרום האָט אויפגעוואַכט נאָכן לאַנגן ווינטער, און אַלץ האָט געזונגען שירה, האָט אונז דער לערער ראַגאָווי דערציילט וועגן דער באַדייטונג פון יום־טוב. ווייט האָט אונז די קינדערשע פאַנטאַזיע פאַרטראָגן צו יענעם לעגענדאַרן ר' עקיבא מיט זיינע תלמידים און זיינע מלחמות מיט די רוימער.

ווידער שווימט אויף אין זכרון אַ פייערונג פון דעם 3־טן מיי דער טאָג פון פוילנס נאַציאָנאַלן יום־טוב, ווען מיר די שול־קינדער בראש מיט די לערער האָבן דעמאָנסטרירט איבער די גאַסן אונטער די פוילישע און אויך ווייס בלאָע פאָן, און זיך אָנגעשלאָסן שפּעטער צום צוג פון די פוילישע קינדער זינגענדיק העברייאישע לידער. צווישן זיי געדיינק איך באַזונדערס דאָס ליד אין כוח לשאת עוד לסבול את העול... אַן עכט גלות־ליד וואָס האָט מען אויסגעדריקט אונזער ווייטיק און צער ווי דעם פוילישן באַפרייאונגס יום־טוב.

שפּעטער, שוין לערנענדיק אין דער „תרבות"־שול און געהערנדיק צום „השומר הצעיר" וועלכער דער לערער דאַלינקאָ האָט געגרינדעט, דערמאָנט זיך מיר פאַלגנדער עפּיזאָד. שבועות האָבן מיר עטלעכע חברה זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ לאָדקע ברענגען בעריאָזקעס פון צווייטן זייט אָזערע דעקאָרירן דעם לאָקאַל צו דער איינגעאָרדנטער מסיבה, וועלכע איז געווען אַנטקעגן דעם בית־המדרש. און פאַרנדיק צוריק האָבן מיר אינגאַנצן פאַרגעסן וואו מיר האַלטן אין דער וועלט, און צעזונגען זיך אויף הויכע טענער. אַלע מתפללים פון בית־המדרש זיינען אונז אַרויס אַנטקעגן מיט געשרייען און זידלערייען אַזוי אַז מיר האָבן קוים באַוויזן זיך אָפּטראָגן מיט גאַנצע ביינער און איבערגעלאָזן אויף הפקר די לאָדקע מיט די ביימלעך...

וואו זייט איר היינט אַלע משה׳לעך און שלמה׳לעך, און פיל לערער וועלכע פלעגן זיך בייטן יעדעס יאָר.

געציילטע נאָר יחידים, געפינען זיך היינט ביים לעבן. זאָלן די דאָזיקע געשריבענע שורות אָפּרישן אונזער זכרון און פאַרפירן צו דער גאָלדענער קינדהייט אין דעם ווייטן שיינעם אַמאָל.

שבת יומטוב׳דיקע יידן

איך זע דיינע שבת יומטובדיקע יידן אויסגעטאָן פון דאגה און זאָרג, אַראָפּגעוואָרפן די וואָכעדיקע קאַפּאָטע, איך דערקען אייך ניט, ניט די זעלבע יידן, די שכינה אויף אייערע פּנימער רוט, דער שבת קודש איז געקומען.

נאָך פון פרייטיק־פרי, הויבט מען אָן זיך גרייטן ווי פאַר אַ חשובן גאַסט. פון אַלע קוימנס קנאַלט אַ געדיכטער רויך. פון שוחטס הויף דער־טראָגן זיך, גוואַלדן פון די עופות וואָס קינדערלעך ברענגען שעכטן, קוקן זיך צו מיט ציטער צום שוחט, וועלכער האַלט ווי אַ גזלן דעם חלף אין מויל פאַרדרייט ס׳קעפּל, גיט אַ צופּ און אַ כיטקע אין העלזל און פאַר־געסט ניט דערביי, אַ פליק טאָן אַ הויפן פעדערן צו זיך אין קעשענע...

ווייבער לויפן פאַרשמייעטע עפּעס דערקויפן אין קראָם. איינע לויפט אָן אָטעם פרעגן אַ שאלה ביים רב, געטראָפן נעבעך אַן אומגליק, געפונען אַ נאָדל אין פּופּיק. אַ צווייטע טראָגט אַ לעבעדיקע הון געדאַרפט איר היינט איינשניידן און מיט אַמאָל אַנגעהויבן קרייען. ברעכן זיי ביידע מיט די הענט, ווער ווייס וואָס דער רב וועט פסקענען...

אינדרויסן שמעקט מיטן הייליקן שבת. ס׳טראָגט זיך אַ ריח פון צימרינג, פרישע געבעקס, פאַרברענטע פאַמאָלעס און געפעפערטע געפילטע פיש.

יידן הייבן אָן גיין אין מרחץ (פון הינטן לויפן נאָך די קליינוואָרג), גייען שווערע, מידע פון אַ גאַנצע וואָך. מ׳טוט זיך אויס אין דער קאַלטער באָד, אַלע ריידן אויפן קול, אין דער צווייטער באָד טוט אַ שלאָג אַ היץ אין פּנים און אַ ריח פון צעפּאַרעטע בלעטער און לייבער, אַ געדיכטע פּאַרע הייגגט אינדערלופטן, מ׳זעט קיינעם ניט, נאָר נאַקעטע מענטשן וועלכע טראָגגן שעפּעלעך וואַסער און שרייען היט זיך, הייסע, זוד; אַ

יינגעלע האָט פאַרלאָרן דעם טאַטן, וויינט אויפן קול. ווייטער אַביסל איז די שוויץ־באָד, דאָרטן גייען די וועלכע האָבן האָלט אַביסעלע דוך. ליגט מען דאָ אויסגעצויגן אויפן פּאָל און מ׳שמייסט זיך מיט בעזימער, די היץ ברענט ווי אין גיהינום. אָט גיסט איינער אַ שעפעלע וואַסער אויף די אָנ־געגליטע שטיינער און ס׳דערלאַנגט אַ פייערדיקע פּאַרע (אַלע בייגן זיך אַראָפּ), מ׳ליגט און מ׳קרעכצט מיט הנאה אי, אי, אי...

איציק יאַנקל, אַ ייד שוין קרוב צו שמונים, קען זיך גאָרניט שיידן מיטן פּאָל, בלאַצקע מיט זיינע געזונטע לאַפּעס, מאַכט אַ פּלייצקע אַלעמען. צוריק קריכט מען אַראָפּ אָן כוחות רויט ווי צונטער, אַ פּאַרע שלאָגט פון די קערפּערס, מ׳כאַפּט אָפּ דעם אָטעם אין דער קאַלטער באָד.

אָנטקעגן איז די מקוה און יינגלעך אַנטלויפן פון די טאַטעס בשתיקה און מ׳טונקט זיך ווי די קאַטשקעס מאַכנדיק גוואַלדן. בערדיקע יידן וועלכע גייען זיך טובלען, טרייבן זיי אַרויס און אין אַ ווייל אַרום זיינען די קוד־דסים ווידער דאָ. אויף צוריק לויפט מען צעפּאַרעטע איינגעכוטעטע מ׳ווינטשט זיך אופן וועג צו רפואה.

אין שטוב איז שוין שבתדיק ציכטיק, ס׳שמעקט אין אַלע ווינקעלעך ביי וועמען ס׳איז ניטאָ קיין פּאָדלאָגע איז אויסגעשאָטן מיט געלן מחיהדיקן זאַמד... מיט ווייסע טישטעכער זיינען די טישן באַדעקט, ס׳שטייען גלאָנ־ציקע לייכטער, ס׳זידט אַנטקעגן דער געלער סאַמאָוואַר, מ׳טראָגט אַריין אַ סלאַי וואַרעניעס פון סקלעפּ, אויסגעפּרעגלט מ׳זאָל ניט דאַרפן...

מענדל גיט אַ קלאַפּ מיטן הילצערנעם האַמער, פריער צוויי קלעפּעלעך און דעם דריטן אַ שטאַרקן, ס׳פאַרמאַכן זיך באַלד די קראָמען, מ׳שטופּט אַרויס די לעצטע קונים דורך דער הינטער־טיר...

ס׳צינדן זיך אָן ליכטעלעך אין אַלע פענסטער, גליען, צינדן אָן אַ הייליק פייערל ביי יעדן אין האַרצן און פאַרזייען זייער ליכט אינדרויסן. ווייבער מיט טיכלעך אויף די קעפּ בענטשן ליכט, נעמען אַרום מיט די הענט די לייכטער ווי אַ ציטערדיק קינד, פאַרשטעלן שפּעטער די פאַר־קוועטשטע אויגן און שעפּטשען אַ ברכה מיט די ליפּן אינדערשטיל.

אָט לויפן נאָך פאַרשפּעטיקטע פופן באָד (אודאי ירחמיאל דער שניי־דער מיט די בנים). די זון זעצט זיך אַראָפּ ווי אַ פייערדיקע קויל הינטערן מיל. מ׳זאָגט ס׳וועט זיין אַ שיינע פּאָגאָדע... נאָך אַ סימן, די ערשטע קו פון פעלד געגאַנגען אַ ווייסע...

יידן מיט ליכטיקע פּנימער פינקלדיקע אויגן, פאַרקעמטע בערד, גייען אין די שבתדיקע קאַפּאָטעס לאַנגזאַם אין בית המדרש אַריין. ביי די זייטן

די אײדימלעך, פּאַר די הענט פירן קלײנע ײנגעלעך (גרעסערע װײכן שױן פון לאַנג). װײבער „איספּראַװעטע" זיצן אױף די גאַנקעס מידע און דערצײלן זיך די נסים פון ערב שבת. מײדלעך מיט פּאַרפּלאָנטענע צעפּלעך טוליען זיך צו מאַמעס שױס. גרעסערע פּרײלינס שױן לײענען אַ בוך און װאַרפן בליקן (װילן אַז נאָך אימיצער זאָל זען)... טרעפט אַ פאַל און אַ ליכט הױבט זיך אָן שמעלצן, איז דאָ באַלד אַ תרופה, מ'לײגט אַװעק די חלה בײם זײט, און די סכנה גײט אַריבער... נעמט אַ קאַץ זיך װאַשן מיט די לאַפּקעלעך, װײס מען שױן ס'װעלן קומען געסט...

✱

מיט אַ הױכן פרײלעכן גוט־שבת קומען אַרײן די מאַנסביל פון שול, ס'צעקלינגען זיך די שלום עליכמ'ס אין יעדער שטוב, מ'װאַשט די הענט און מ'מאַכט קידוש.

אַלץ האָט הײנט אַ שבת'דיקן טעם און געשמאַק. נאָכן עסן בענטשט מען אין אַ מזומן.

די יונגע חברה רוקן זיך באַצײטנס אַרױס פון טיש, די אַלטװאַרג צע־זעצט זיך אױף די גאַנקעס. באַלעמלאכעס, באַלעגאָלעס, פאַלן װי די סנאָ־פּעס שלאָפן. מ'שמועסט ניט הײנט װעגן װאָכעדיקע זאַכן, נאָר װעגן קהלשע ענינים, ביז מ'דערגײט אַלעמאָל צום טױט. אַמאָל פאַרקריכט מען צו פּאָלי־טיק, אונטערגעהערט פון מיכל צאַדעס (אַ ייד װעלכער לײענט אַלע טאָג אַ צײטונג), מ'שמועסט אַז ס'שמעקט מיט אַ מלחמה...

דער הימל אױסגעזעצט אין פינקלדיקע ברילִיאַנטן, הײנגט איבערן קאָפּ װי אַ חופּה און שמײכלט אַראָפּ מיט שבתדיקן חן.

מ'גײט שלאָפן זאַטע, צעפרידענע מיטן געדאַנק אַז מאָרגן איז שבת, באַגינען זענען שױן יידן װאַך, מ'כאַפּט אַרײן אַ שטיקל תהילים, מ'טרינקט טײ פון קופּערנעם לאָק.

אַ גױע נעמט אַראָפּ די לײכטער פון טיש און װינטער הײצט אײן די אײװעלעך, קריגט דערפאַר חלה מיט צימעס, און פּסח דעם װײן פון די מכות....

דאָס שטעטל איז טױט, די גאַסן לײדיק, די מענטשן װי מיט אַ בעזים אױסגעקערט, אַ ציג (אװדאי שמערעליכעס) שפּאַצירט זיך געלאַסן, בלײבט שטײן פאַרטראַכט פילאָזאָפיש. אַלע זענען אין שול פרומע יידן שאָקלען זיך איבערגעדעקט מיט די טליתים איבער די קעפּ. גאַנצע און האַלבע אפּיקורסים דרײען זיך אַרום אין פּאָליש, טוען צוליב טאַטע מאַמע און קומען צו אױסשפּײעניש...

נאַכן טשאָלנט לייגט מען זיך אַריין מיט אַ פולן בויך אין בעט און מ׳כאַפּט אַ שבתדיקן דרעמל. (איז נאָך דאָ אַ גרעסערער פאַרגעניגן אויף דער וועלט). נאָכן שלאָף טרינקט מען ווידער אַ גלעזל טיי פון הלאַק און מ׳פאַרבייסט מיט אַ שטיקל תהילים. אַ ייד אַ למדן לערנט אַ בלאַט גמרא, נאָך שלום סעודות, גייט מען זיך דורך מיט דער גאַנצער משפּחה. דאָס טיכל אַרומגעבונדן אַרום האַלז, מ׳טאָר נישט טראָגן הינטערן שטעטל שבת, ניטאָ קיין ערוב, שמעקט מען זיך אָן מיטן פרישן וואָזדעך פון די גואישע קווייטן און סעדלעך, און מ׳שפּאַצירט אַוועק ווייט אין די קאָרן, מ׳קוועלט אָן פון דער גערעטעניש, ס׳וועט הייאָר זיין אַ גוטער אוראָזאי.

שבת צונאַכט, נאָך הבדלה ווערט קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן, מ׳קריכט אַריין אין די וואָכעדיקע שטיוול און קאַפּאָטע, מ׳עסט הערינג, מיט בולבעס אין די פעלעכלעך, און צוריק אין דעם אַלטן יאָך.

אָט זע איך דיינע יידן — לעבעדיקע נאָך...

אָט זע איך דיינע יידן לעבעדיקע נאָך צעטראָגענע, פאַרשמייעטע אין וואָכעדיקן הור־האָ, ווער ס׳שלעפּט זיך צופוס איבער דערפער, מיט אַ קלו־מעקל אונטערן אָרעם, (ניט פאַרגעסן מיטצונעמען ס׳תפילין־זעקעלע און אַ פאַרעווע פענדל... ווער ס׳צעפּאָרן זיך אין ווייטע פרעמדע וועגן, אויף שבת זיך אומגעקערט אַהיים, פאַרשטויביקטע באַוואָקסענע, און ווער ס׳שטייען אָפּ לאַנגע שמונה־עשרה׳ס ביי צעעפנטע קראָמען, וואַרטנדיק אויף אַ קונה. איך זע אויך דיינע בעלי־מלאכה׳ס שטענדיק איילנדיקע, אויס־געבלייכטע, פאַרויכערטע, מיט רויטע ניט קיין אויסגעשלאָפענע אויגן. גע־דאַרפט אַמאָל איז געזעסן אַ גאַנצע ערב יום־טובדיקע נאַכט און איספּראַ־וועט. אַלע אַרומגענומען מיט דאגות פרנסה, אין די באַקן זיך געקניפּן אַז די פאַרב זאָל שטיין, ווען פּאַליצעס און קעשענעס האָבן לאַנג שוין זיך אויסגעליידיקט. קלאַפּט מען אָפּ די שוועלן איינע ביי די אַנדערע, לויפט מען כאַפּן אַ גמילות־חסד׳ל. דאָ געבאָרגט, דעם געדעקט, און דאָס רעדל דרייט זיך ווידער און אויף מאָרגן וועט מען ווידער זאָרגן בטחון — אַ פולע האַרץ פאַרמאָגט, אַז ער אין הימל וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מ׳האָט ניט געלאָזן אַ יידן פאַלן אין שפּאַן, האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ פערד ביי אַ באַלעגאָלע — האָט אויף מאָרגן דאָס שטעטל אַ צווייטן אַריינגעשטעלט.

ס'האָט אַ יידישע שטוב פון קיין הונגער ניט געוואוסט. האָבן „פּאַרלעך" איבער די הייזער שטענדיק געשפּאַצירט און געקליבן „בויטיקע נדבות", האָבן הערצער ווי די הייזלעך איינער צום צווייטן זיך געטוליעט, און געוווסט וואָס ס'קאָכט זיך ביי יענעם אין טעפּל און ווי ס'קלאַפּט דער דופק... איין גרויסע משפּחה געווען.

די ווייבער זענען אויסגעטאָן געווען פון דאַגות פּרנסה. זיי האָבן די בעסטע יאָרן זייערע אַוועקגעשאָנקען יענעם, פאַר זיך נאָר איבערגעלאָזן די שיריים, און אַ קוואַל פון טרערן. שבת איינמאָל נאָר אין וואָך געגאַנגען אין שיל (אַ יידענע איז פּטור פון אַ סך מצוות). מיטן גראָבן קרבן־מנחה אין האַנט, און שוואַרצן שאַל אויף די פּלייצעס האָט ווער קיין עברי ניט געקענט, האָט מען זיך אַרומגעקליבן אַרום אַ „זאָגערין" און געמאַכט מיט די ליפּן. געקוקט וואָס פאַרא מינע יענע מאַכט, געוויינט וואו מען דאַרף און וואו מ'דאַרף ניט... דער שבת זיי מער ווי אַנדערע געגעבן געוואָרן.

זיי האָבן זיך געפרייט מיט חיים־יאַנקל דעם קצב'ס אַ גוטן חלק פלייש, וואָס די חלה איז אויפגעגאַנגען ווי די ליכטיקע זון. עגמת־נפש געהאַט ווען דער טשאָלענט איז פאַרפולווערט געוואָרן, די מילך אויסגעלאָפן, און די פיש צוגעברענט צום דעק. אויך צייט געהאַט „אַביסעלע" זיך אַראָפּריידן פון האַרצן פאַר אַ שכנה און פאַרגיסן אַ טרער (אַ יידישע מאַמע האָט שטענדיק געהאַט אויף וואָס צו וויינען).

ס'האָבן אויך קינדער מורד געווען אין טאַטנס גליקן (אַראָפּ רחמנא ליצלן פון דרך הישר) און טאַטע מאַמע קיין נחת פאַרשאַפט. ס'זענען באַלעבאַטישע קינדער פריש משוגע געוואָרן, זיך גענומען צו גוישע מלאכות (אַ חרפה צו דערציילן). מישן ליים ביי אַלטער דעם מולער, האַקן האָלץ אויף די הייפן (אַט ווי להבדיל די סטאַנולעס), אָפּגראָבן דעם באַרג ביי מאיר אַרציקס און קלעטערן אויף די דע־כער ווייסן די קוימענס, האָבן זיך איינגעשמועסט זיי ווילן אויסגלייכן די וועלט „ציציליסטסן" געוואָרן, אויפבויען אַ יידישע מלוכה אין לאַנד פון די אבות... און דערווייל געשלונגען די אַלע נייע תורות און זיך געריסן פאַר די נעזער... געמאָסטן די גאַסן מיט הוילע קעפּ. אַלע צוזאַמען אַראָפּ דער יחוס באַלעבאַטישע קינדער מיט אַביסעלע דערונטער, און אַזוי לאַנג גע־פּוסט און געפּאַסעוועט, ביז זייערע טריט זענען נעלם געוואָרן, צעזייט זיך איבער אַלע ימים, צופלויגן ווי די פויגל פאַר אַ שטורם — און איבער־געלאָזן לײדיקע נעסטן, אַלטע טאַטע־מאַמע.

די אָזערע

די אָזערע (גערופן האָט מען איר דער טייך) האָט צוגעגעבן פיל חן דאָס שטעטל, געלעגן רחבות׳דיק אויסגעגאָסן ווי אַ ריזיקער בלאָער שפּיגל, פון יענער זייט האָבן גרינע וועלדער זיך געצויגן, און סטאַדעס בהמות זיך געפּאַשעט ביי די ברעגן, אַ הערליכע לאַנדשאַפט געווען, האָט זיך גערעכנט אַלס איינע פון די גרעסטע אָזערעס אין ווילנער קאַנט, דערגרייכט 14 ק״מ די לייננ און 3 ק״מ די ברייט.

אַנטקעגן דער אָזערע פאַזע אירע ברעגן האָט זיך געצויגן די סלאָבאָדע (רוסישע גאַס) וואו פון די נידעריקע הילצערנע כאַטקעס האָבן אַרויס־געקוקט פיל בלאָנדע קעפּלעך פון נאַקעטע קינדערלעך. די טאַטעס זייערע הויכע ברייט־ביייניקע באַוואַקסענע מיט בערד, האָבן געשעפּט זייער חיונה פון פיש־פאַנג מיט וועלכע די אָזערע איז געווען געבענטשט, און אין אַלע צייטן פון יאָר זיך אַרויסלאָזן אויף זייערע שיפלעך אויף פאַנג; און ניט איינמאָל געשטעלט זייער לעבן אין סכנה, געהאַט אַ שווער אָרעם לעבן.

ווייט הינטערן שטעטל האָט די אָזערע פון אַלע דריי זייטן אַרומגענומען דעם יידישן בית־עלמין, וואו הויכע סאָסנעביימער האָבן זיך דאָרט צע־וואַקסן, און שוואַרצע ראָבן האָבן דאָרט זייערע נעסטן געבויט, און מיט זייערע גוואַלדן איבערגעריסן די אַרומיקע שטילקייט.

אַ וויכטיקן פלאַץ האָט די אָזערע פאַרנומען אין לעבן פון דער יוגנט, געווען איינע פון די בעסטע פאַרוויילונגס־ערטער, אין די זומערדיקע פאַר־נאַכטן, ווען צענדליקער שיפלעך אַנגעפּאַקט מיט חברה פלעגן זיך צעשווי־מען ווי שוואַרצע פינטעלעך אויפן גלאַטן שפּיגל, וועלכער האָט געדולדיק אַלעמען געטראָגן און אָנפילן דעם אָרום מיט פריילעכע געזאַנגען, אין אַ געמיש פון פאַרשידענע שפּראַכן, דאָ האָבן זיך געטראָגן לידער פול מיט נאַציאָנאַלן פאַטאָס און בענקשאַפט צו ציון, דאָ האָבן אויך געדונערט רעוואָלוציאָנערע קאַמפּס־לידער וועגן אַ נייעם ליכטיקן מאָרגן...

אָבער מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, ווען טויזנטער שטערן פלעגן זיך אָפּטונקען ווי ברילליאַנטן אין וואַסער, און אַ פולע שווימענדיקע לבנה פאַרזייען איר זילבערנע ליכט אַרום, פלעגן זיך דאַן אַרויסרייסן שטילע פאַרבענקטע מאַנאַטאָנישע טענער, באַגלייט פון מאַנדאָלינעס און גיטאַרעס, דער ריטם פון שטילן רודערן פון די וויאָסלעס, און פּאַטשן פון די זילבערנע כוואַליעס אָן די הוידנדיקע שיפלעך, פלעגט פאַרוויגן אין ווייטע גאָלדענע חלומות...

פאַרשיכורט פון בלאָען כישוף פון דער נאַכט פאַרבלאָנדזען אַזוי אומ־באַמערקט אַזש צום רעקע, אין דעם שמאָלן פליסיקן וואַסער, איינציקווייז פלעגן די שיפלעך זיך דורכשניידן דורך די הויכע טראַשץ פון ביידע זייטן ווו געלע שמעקעדיקע בלומען האָבן געריצט פון דערווייטנס, און אויס־געשטרעקטע הענט האָבן זיך פאַרמאָסטן צו רייסן.

אַוועקשענקענדיק עס די שוין מידע מיידלעך פון לאַכן און שטיפן אַ גאַנצע נאַכט. די לעצטע סטאַנציע איז געווען די בריק, אויף צוריק־פאַרנדיק האָט זיך שוין אויפן צווייטן ברעג דער מזרח־ראַז צעשמייכלט, אָפּטובלנדיק זיך אין וואַסער, ערגעץ ווייט האָט זיך שוין דערטראָגן ס׳קרייען פון הענער, אָט דערנענטערט מען זיך צום ברעג, און דער באַרג שיילט זיך אַרויס פון די גראָע איינגעהויקערטע כאַטקעס, און חברה פאַר־שיכורטע פון דער נאַכט שלעפּן זיך מידע דורך די שמאָלע דרעמלנדיקע געסלעך אַהיים.

די אָזערע האָט אויך געדינט אַלס פרייע טריבונע פאַר אַלע ריכטונגען. דאָ אונטערן פרייען הימל, און אויפן צווייטן ברעג זיינען נאָך אָפּגעהאַלטן געוואָרן „סכאָדקעס” אין פינפטן יאָר, און שפּעטער אומלעגאַלע פאַר־זאַמלונגען פון דער לינק־קאָמוניסטישער יוגנט אין שטעטל

דאָ אויף דער אָזערע זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פייערלעכע געמיינ־זאַמע אַקאַדעמיעס און אויספלוגן פון דער ציוניסטישער יוגנט, וועלכער איז געווען אַ דאָמינירנדיקער כוח אין שטעטל. איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון אַ כ׳ תמוז אַקאַדעמיע געווידמעט הערצלס יאָרצייט, ווען צענ־דליקער שיפלעך האָבן זיך קאָנצענטרירט אינמיטן דער אָזערע אויף איין פלאַץ, און געבילדעט אַ האַלבע ראָד.

הינטער די שיפלעך זיינען נאָכגעשוווּמען בריקלעך מיט אויפגע־שטעלטע ליידיקע פעסלעך פון פעך, און נאָך די געהאַלטענע רעדעס זיינען זיי אונטערגעצונדן געוואָרן. רויטע פייערדיקע צונגען האָבן זיך אַרויס־געריסן און אָנגעצונדן דעם הימל אין אַ רויטן פלאַם באַלויכטן אַלע פנימער, פונדערווייטנס האָט אויסגעקוקט ווי די גאַנצע אָזערע ברענט, אַ הערלעך בילד, פון גרויס ענטוזיאַזם האָט זיך אַרויסגעריסן פון צענדלי־קער ברוסטן אַ הילכיק געזאַנג.

ווינטער האָט די אָזערע באַקומען אַן אַנדער פנים, און געהאַט איר באַזונדערן חן און רייץ. בעיקר פלעגט דער עולם הנאה האָבן פון באָדן זיך אין די הייסע זומערדיקע טעג, און זיך אָפּפרישן אין די קילע וואַסערן. הכלל מען האָט געוואוסט ווי אויסנוצן די אָזערע אין אַלע צייטן פון יאָר.

די אַזערע און דער באַרג האָבן אויך געדינט אַלס מיליטערישע סטראַ־טעגישע פּלעצער. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן פון ביידע זייטן אַזערע געקעמפט די ביידע פיינטלעכע אַרמייען, די באַלשעוויקעס און די פּוילישע.

די פאָלגן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען שוידערלעך. אין דער זעלבער צייט ווען אין שטעטל האָט מען שוין פאַרשפּאַרט די יידן אין אַ געטאָ, און דער געשפּענסט פון אומקום און אויסראָטונג איז געהאָנ־גען איבערן קאָפּ, האָבן זיך שוין אויפן צווייטן זייט אַזערע, די ערשטע פּאַרטיזאַנישע קעמערלעך געשאַפן. באַהאַלטנדיק זיך אין די געדיכטע וועל־דער. די מער דרייסטערע פון דער שטעטלשער יוגנט האָט געפונען צו זיי דעם וועג. און געווען פון די ערשטע ביים באַפרייען סוויר.

ימים טובים

פסח

פסח איז געווען אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב. ס׳האָט ניט געקלאַפּט ס׳האַרץ ווי ערב ראש־השנה און יום כיפור נאָר האָט אַריינגעבראַכט אַ ריין יום־טובדיקע שטימונג אין דער יידישער נשמה. געווען אַן איבערגאַנג צו אַ שענערע ליכטיקע תקופה. אַלע וואַרטן מיט גרויס אומגעדולד אויפן טייערן יום־טוב. די הכנות זיינען גרויס, ס׳שטייען נאָך פון סוף זומער פאַרשאָטענע פלעשער מיט קאַרשן און שוואַרצע יאַגדעס, און אויסגעפּרעגלטע סלאָיען מיט וואַרעניעס (מ׳זאָל ניט דאַרפן), אַלץ פסחדיק, פון חנוכה אָן פרעגלט מען שוין שמאַלץ, טוקעווע און גענזענע, און אין פּאַפּיעץ קאַרמעט מען אָפּ הינער — אַלץ אויף פסח.

ניט קיין קלענערע ראָל האָט דערביי געשפּילט די נאַטור וועלכע האָט אַריינגעבלאָזן אַ פרישן מחיה׳דיקן ווינטל אין די פאַרגליווערטע גלידער, אַריינגעגאָסן ניי־מוט און ענערגיע. ווייטער שלעפּן דעם יאָך פון דעם אַזוי שווערן געמאַטערטן לעבן, און אויב נישט שטענדיק האָט די נאַטור צוגע־שפּילט, און געשיינקט אַזוניקן, שמייכל, גאַנץ אָפט האָט מען פסח פעסט געטאָפּטשעט אין בלאָטע אָבער די יום־טובדיקע אַטמאָספער האָט פאַר־טריבן די מרה־שחורה, און מיט איר כישוף אַלעמען געפאַנגען.

אינדרויסן האָבן זיך שוין געטראָגן די טענער פון אַנקומענדיקן פרילינג. די טאָפּאָליעס בוימער לענגאויס די גאַס האָבן שוין אויפגעעפנט די קנאָספּן, און מיט זייערע ריחות פאַרשיכורט דעם אַרום. די זון, אַ קוועלנ־דיקע האָט זיך אַרויסגעריסן מיט גוואַלד דורך די קראַטעס. די ערד האָט זיך באַפרייט פון איר פאַנצער, און לייכטער אָפּגעאָטעמט. דער שניי שוין אַ פאַרגעלבטער פאַרלאָרן זיין אַמאָליקן זילבערנעם חן, קוקט נעבעכדיק אַרויס פון פלאַכע ערטער, און זאָגט אָן זיין נאָענטע גסיסה. דער באַרג, ערטערווייז נאָך אויסגעזעצט מיט ווייסע לאַטעס, שטייט אַ נאַקעטער פאַר־שעמט. גרעזלעך פּיקן זיך אויס פון דער מאַמעס שוואַרצער ערד, און שמייכלען גרין צו דעם בלאָען אויסגעצוואָגענעם הימל. די אַזערע האָט זיך אויך באַפרייט פון די שווערע קייטן, און דער אייזערנער בריק, אַ פאַר־שוואַרצטער שוין, פאַרלאָרן זיין אַמאָליקן גלאַנץ און גבורה האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, דער וועג, אָן אויסגעטראָטענער דורכן גאַנצן ווינטער, האָט זיך גערירט און געענדערט איר ריכטונג, גוויים׳לעך שלעפּן זיך מיט אַ וועגעלע האָלץ פון יענער זייט. ביי די ברעגן ברעכט זיך נאָך ניט איינמאָל איין ס׳אייז, און פאַלן אַריין מיט פערד און געשפּאַן אין וואַסער, מאַכן אַ גוואַלד און די שכנים פליען אָן מיט לאַנגע דראַנגען און מ׳שלעפּט אַרויס די טרינקענדיקע גויים מיט זייערע שקאַפּעס.

יינגלעך, באַפרייט שוין פון חדר, געזעגענען זיך מיטן אַוועקגייענדיקן אייז און כאַפּן זיך אַרויף אויף די שווימענדיקע קריעס. ס׳פּאַסירט אויך אַז דער אייז נעמט צונויף זיינע לעצטע כוחות פאַר זיין גסיסה, און הייבט אָן שפּאַרן מיט אימפּעט אויף די ברעגן, ס׳ווערט אַ בהלה און מ׳שטעלט אונטער מיט קלעצער די נאָענטע כאַטקעס ביז די געפאַר גייט אַריבער.

אין גאַס שטאַרצן שוין אַרויס די ברוק־שטיינער און ברודיקע ריטש־קעלעך לויפן געשווינד אין די רינעס, ווי זיי וואָלטן זיך אויך געאיילט צום יום־טוב. באַגינען הענגען געפּראָרענע ליכטלעך פון די דעכער, און ס׳קנאַקן די פּאַרפּראָרענע לוזעס ווי גלאָז אונטער די פיס. אינדרויסן דער־טראָגט זיך ס׳קרייען פון הענער, האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט אויף גאַטס שיין ווערטל, צוזאַמען מיט זייערע פלונית׳טעס. ס׳טראָגט זיך אַ מוקען פון בהמות, דערשמעקט אַ פּנים ס׳שפּראָצן פון גרינעם גראָז, איז זיי שוין מאוס גע־וואָרן זיין פאַרשפּאַרט אין די ענגע שמאָלע שטאָלן, גויים פירן אַרויס דאָס מיסט און ס׳טראָגט זיך אַזאַ שאַרפער אָנגענעמער ריח. באַלעגאָלעס ווילן זיך אָנטאָן אַ נחת־רוח לאָזן זיי אַרויס זייערע אָגערס אויפן אַרומגעצאַמטן פערד־מאַרק, און די פערד צעהירזשען זיך פאַר שמחה, און לאָזן זיך אַוועק

אין אַ גאַלאָפּ אויף אַלע פיר. אינדרויסן איז שוין קענטיק דער ערב יום־טוב. דאָס ביסל אַרעמקייט און בעבעכעס אַרויסגעטראָגן, מ׳לופטערט די ספרים, מ׳שייערט מיטן גאַנצן כוח. אַלטער דער מולער אינגאַנצן אַן אויס־געשמירטער אין קאַלך שלעפּט זיך מיטן פּענזל ווייסן די הייזער, אַ ייד אַ וויצלינג, שיט חכמות אַן אַ שיעור, ער זאָגט אַז ער איז איינמאָל אַריינ־געפאַלן אין זיין לעבן, אַ צווייטן מאָל וועט ער שוין אַ ווייב פון סווענציאַן ניט נעמען...

אין שטוב הויבט מען אָן מאַכן פּסח׳דיק, צוערשט אַ ווינקל אויף צו שטעלן ראָסל, וויקלט מען עס איין ווי אַ ציטערדיק קינד אַנגעשפּאַרט צום אייוועלע ס׳זאָל זיך זייערן, און די מאַמע היט עס ווי אַן אויג אין קאָפּ. לאָזט קיינעם ניט צוגיין, פאַרזוכט אַליין מיט אַ הילצערנעם לעפל — כאַפּן דעם טעם. די מעד איז שוין פאַרטיק, אסתר־מלכה׳ס מעדניצע גייט פון האַנט צו האַנט איבערן גאַנצן שטעטל, ביי איר קריגט מען דעם גאַנצן „רעצעפּט״ האָניק מיט האָפּן און די איבעריקע שמאַנצעס...

איך מיט מיין ברודער — ביידע חדר־יינגלעך דרייען זיך אַרום ווי איבעריקע אין שטוב, דאָרט וואו ס׳איז שוין פּסח׳דיק טאָר מען ניט אַריינ־שמעקן, און דאָרט וואו מען מאַכט נאָך פּסח׳דיק איז אוודאי ניטאָ פאַר אונז קיין פּלאַץ. די גאַנצע שטוב איז איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, מען קריכט אויף די ווענט און מ׳האַלט אין איין קראַצן און שקראָבען, ס׳זאָל חס וחלילה קיין ברעקל חמץ ניט איבערבלייבן. זוכט מען פאַר אונז אַרבעט „ווייסט איר וואָס קינדער״ : זאָגט די מאַמע „נעמט אַראָפּ די שטופּע מיטן שטורקאַץ פון לאה אברהם שמואל׳ס בוידעם, דאָס איז שוין אונזער מצווה אַלע יאָר, ס׳איז לייכט צו זאָגן, נעמט אַראָפּ.

ערשטנס איז דער אַרויפגאַנג צום בוידעם פּונקט אינמיטן שטאַל נעבן פערד, און פינסטער איז דאָרט און כסדר נאָס. אַרויפקריכן דאַרף מען אויף אַ צעבראָכענעם לייטער מיט אויסגעדרייטע שטאַפּלען, וואָס אָט דוכט זיך אייך אַז איר דרייט זיך אום, און פאַלט אַרויף גלייך אויפן פערד. און אַז גאָט העלפט, און מ׳קריכט שוין אַרויף בשלום אויפן בוידעם, דאַרף מען ערשט האָבן אייזערנע כוחות אַ ריר טאָן די שטופּע פון אָרט. אויב איר ווילט, וועל איך אייך אויסמאָלן וואָס פאַר אַ מין מעבל דאָס איז, — אַן אָפּגעזעגענער פּיען פון אַ בוים, וואו מ׳האָט אויסגעקאָלופּעט אַ לאָך, און מ׳האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן — ש ט ו פּ ע, וואו מ׳לייגט אַריין די מצה און מ׳דאַרף אַזוי לאַנג קלאַפּן מיטן שטורקאַץ, וועלכער וועגט אויך גאָר נישקשה׳דיק, מחמת אונטן זענען אַריינגעקלאַפּט אייזערנע טשוועקעס, ביז

עס ווערט געבאַרן מצה־מעל און מצה־פאַרפל. און מ׳האָט געדאַרפט יעדעס מאָל גומל־בענטשן, אַז מיר זיינען בשלום אַראָפּגעקראָכן מיט דער שטופּע אונטן און ניטט געבראָכן האַלז און נאַקן...

אין דרויסן טראָגט זיך שוין אַ ריח פון פריש געבאַקענע מצה, און רייצט דעם אַפּעטיט. געווען אַמאָל אַ מאָדע אַז עטלעכע שכנים האָבן זיך צונויפגערעדט און געמאַכט אַ פּאַדראַד. יעדער האָט שוין געהאַט זיינע אייגענע געשוואָרענע זעצער, רעדלער און וועלגערינס. חברה־לײדיקגייער פלעגן שפּאַצירן פון איין פּאַדראַד צום צווייטן, און פאַרטרייבן די צייט, אַ טשעפּע טאָן זיך מיט די מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אויסגעפּוצט אין שניי־ווייסע פאַרטעכער, קאַלירטע טיכלעך פאַרבונדן אויף הינטן, שטיין צעפלאַמטע, צערויטלטע אַביסל פון דער היץ און מער פון די בחורשע פאַרגנבעטע בליקן. די קאַצאַלקעס טאַנצן ביי די וועלגערינס אויף די ברעטער. יינגלעך פלאָנטערן זיך פון הינטן, קוקן אויס די אייגעלעך אויף אַן אויסגעוועלגערטער מצה. אינמיטן טומל און מיידלשע געלעכטערס, דערהערט זיך אַמאָל אַן אויסגעשריי: אַ טייגל, אַ מיירע, שוואַכער־שטייפער, דאָס איז געווענדעט צו די קנעטערין דאָרט אין ווינקל; וועלכע האָט געהאט איר מעל־שיטער און וואַסער־גיסער, אָנטקעגן אויף אַ בלעכענעם טיש רעדלט מען. דער זעצער צונטער־רויט, דאָס שווייס רינט אים איבערן פּנים, וואַרפט פלינק אַרויף אויפן לאַנגן שטעקן אַ צענדליק מצות מיט אַמאָל, און פליט מיט זיי אַריין אין פייערדיקן אויוון און כאַפּט שנעל אַרויס די פאַרטיקע, וואַרפט זיי אַריין אין אַ הענגענדיקן ווייסן ליילעך.

שפּעטער זענען שוין די קליינע פּאַדראַדן אַרויס פון דער מאָדע און ס׳זיינען נאָר פאַרבליבן די „גלאַוונע" ביי איציק יאַנקלען און ביי די קורביאַטקעס. חוץ דעם איז געווען איינגעפירט אַ מנהג אַז אויפן לעצטן אויוון פלעגט מען באַקן אָרעמע מצות, און בחורים מיט מיידלעך פלעגן פרייוויליק קומען העלפן ביז שפּעט אינדערנאַכט. הירשע־נתן פלעגט זיך אַריינכאַפּן בודק זיין די כשרות און ס׳האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ סקראָבעניש פון די טייג אויף די קאַצאַלקעס און פון די ברעטער. לייבקע חיים מאיר׳ס מיט דער פייקע אין מויל האָט געהאַט אַ חזקה אַריינטראָגן יעדן די מצה אין שטוב, דאָס איז געווען זיין פּרנסה, און ווינטשן מיט זיין פאַרגרעבטן לשון, גאָט זאָל געבן מיר זאָלן דערלעבן איבער אַ יאָר און כ׳זאָל אייך ווידער ברענגען מצה...

אַ טאָג פאַר ערב פּסח האָט מען געברענט די אייוועלעך, געשאָכטן די הינער און פאַרקויפט „חמץ". אינאָוונט פלעגט זיך אָנהייבן די צערע

מאַניע פון פאַרברענען חמץ, די מאַמע פלעגט אויסלייגן אויף אַלע פענסטער שטיקלעך ברויט, נאָך איר איז געגאַנגען דער טאַטע מיט אַן אָנגעצונדענע ליכט, און אַראָפּשאַרן עס מיט אַ פעדער און לעפל זאָגנדיק פון דער הגדה. שפּעטער צונויפבינדן עס מיטן פאַראַיאָריקן אפיקומן, און אויף מאָרגן אַריינוואַרפן עס אין פייער, גייענדיק כשרן די כלים, מאַכנדיק דערביי אַ ברכה. די נאַכט פון ערב פסח איז מען אָפּגעקומען, ניט געגעסן צו דער צייט, ניט געשלאָפן ווי מענטשן, אויף מאָרגן גאַנץ פרי, האָט שוין די מאַמע געוועקט צום פאַרפאַסטן זיך, און נאָכדעם גיין כשרן די כלים. אינדער־הויך — איבער אַ קעסל קאָכעדיק וואַסער, וואו אַ געדיכטע פאַרע האָט געשלאָגן, איז געשטאַנען מענדל דער קליינער און נאָכן אַריינלייגן די כלים אין אַ גרויסן קאָשיק אפטונקן עס דריי מאָל. דער גלאַנץ פון די אַרום־געשייערטע קופּערנע כלים און סאַמאָוואַר פלעגט אַביסל מאַטער ווערן. וויפל כוחות מ׳האָט דערביי אַריינגעלייגט. אונטערן קעסל האָט געקנאַלט אַ פייער און רויטע צונגען האָבן זיך געריסן אַרויס. אָט אַזוי זעט אוודאי אויס דער גיהינום וואו מ׳ברענט די רשעים אויף יענער וועלט. האָט די קינדערישע פאַנטאַזיע זיך צעשפּילט, דאָ האָט מען פאַרברענט דעם חמץ. קומענדיק שפּעטער פון באָד איז שוין געווען פסח׳דיק אין שטוב. די „דובלט פענסטער" שוין אַרויסגענומען און ס׳איז געוואָרן ליכטיקער אין די אויגן. אַלץ בלאַנקט אַראָפּ מיט אַ יום־טובדיקן חן און גלאַנץ. אינדרויסן איז נאָך אַביסל בלאָטיקלעך, איז אויסגעשאָטן די פּאַדלאָגע מיט געלן זאַמד אָדער אויסגעשפּרייט מיט שטרוי. דאָס פסחדיקע געפעס און כלים שוין אַראָפּגענומען פון בוידעם. יעדער דערקענט זיין כוס, און אַלץ איז אַזוי ליב און טייער. בייטאָג עסט מען שוין אין די פסחדיקע כלים. ס׳האָט גאָר אַן אַנדער טעם, יעדער האָט זיך באַנייט אויף יום־טוב. חיים־מאַטע דער קירזשנער האָט אַלעמען אָנגעטאָן נייע היטלען, אין אַלמער זיינען שוין גע־האַנגען די נייע בגדים. שטענדיק פלעגט זיך די מאַמע בעטן ביי שמואל דעם שניידער, פאַרהאַקט ניט למען־השם, מאַכט אַביסל וואָלנער אונטער די פּאַכוועס, ס׳שאַדט ניט אַ קינד וואַקסט אונטער, און ווי וואָלנע שמואל פלעגט ניט מאַכן, האָט זיך שטענדיק געדוכט די מאַמען — אַז ער האָט פאַרהאַקט... און מיר זעען אויס ווי די דייטשן.

אין שול ברענען שוין די בליץ־לאָמפּן און קינדערלעך לויפן אַרום פאַרפּוצטע און ווייזן זייערע נייע מלבושים. גייענדיק פון שול איז געווען מיין מצוה ברענגען חרוסת פון הענעך מאיר פּיזווישעס. אין שטוב איז געווען ליכטיק, אָנגעצונדן דעם גרעסטן לאָמפּ מיט דער קולבע. די היסב־

בעט איז געווען פֿאַרבעט און דער טאַטע אַן אַנגעהאַרעווערטער פֿלעגט זיך אַריינזעצן ווי אַ מלך, די מאַמע טראָגט אים צו וואַסער אין אַ קופּערנע קענדל, וואַשט די הענט און מאַכט אַ יום־טובדיקן קדוש, מ׳הויבט אָן זאָגן די הגדה, דער ייִנגערער פֿרעגט די קשיות. און מ׳דערציילט זיך די נסים פֿון יציאת מצרים, מ׳טרינקט די ארבע כוסות, און מ׳זאָגט מבינות

אויף די הייאַריקע מעד, ועל כולם שוין גוט אויסגעהונגערט נעמט מען זיך צו דער אכילה. פֿריער מאַכט מען אַ זאַלץ־וואַסער, דערנאָך דערלאַנגט מען די געפּעפּערטע געפֿילטע פֿיש, מיט כריין, פֿלייש מיט פֿעטע קניידלעך און הינערשע זופּ, מ׳פֿאַרבייסט מיט קאָמפּאָט. דאָ פֿלעג איך פּרובירן גנבענען דעם אפיקומן, און שטענדיק האָט מיר דער טאַטע געפּאַקט ביי דער מלאכה...

צו „שפוך חמתך" עפֿנט מען די טיר פֿאַר אליהו הנביא און מ׳איז אים מכבד מיט אַ פֿולן כוס. ס׳קינדערשע הערצל פֿלעגט אָנהייבן קלאַפּן: אָט גייט ער באַלד אַריין... אָפּגעקלאַפּט די גאַנצע הגדה, און אַרויס שפּאַצירן איבער די גאַסן. פּסח זיינען די נעכט שטענדיק ליכטיקע, אויסגעשטערנטע, און די לבנה אַ פֿולע, דרייט זיך ווי אַ מחותנת׳טע אַרום אַ צופֿרידענע און שמייכלט צו יעדן אַראָפּ אין פּנים. ביי פּייטל דעם איינקרעמער און ביי שעפּסל דעם קצב און אַנדערע הייזער קלאַפּט מען נאָך די הגדה און חברה־לצים טוען אָפּ שטוקעס ביים עפֿענען די טיר פֿאַר אליהו הנביא לאָזט מען אַריין אַ ציג און מ׳מאַכט אַ ויברח...

אויף מאָרגן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער אמת׳ער יום־טוב פֿאַר די קינדער. חדר־ייִנגלעך פֿלעגן אַרומלויפֿן מיט פֿולע קעשענעס ניס, און שפּילן אין גריבלעך אויף די ספּעציעל טרוקענע ערטער אויפֿן שול־הויף. אין שטוב האָט מען געשפּילט אין הייפֿלעך און אין טעלער אויך אין ברעט־לעך. אַזוי האָט מען פֿאַרבראַכט דעם גאַנצן יום־טוב, דער רבי פֿלעגט באַזוכן די טאַטעס און אַנעמען אויפֿן צווייטן „זמן". פּסח פֿלעגט מען גיין איינער צו די אַנדערע צו גאַסט, און מכבד זיין מיט פּסח׳דיקע מאכלים: כרעמזלעך, טייגעכצן, איינגעמאַכצן און פּסחדיקע משקאות. אַ טייערער יום־טוב געווען...

אין יאָרן אַרום ווען אין שטעטל זיינען אויפֿגעקומען פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָט מען זיך באַמיט דעם יום־טוב צו באַרייכערן און צו־געבן מער אינהאַלט. מ׳האָט צוגעגרייט אַ טעאַטער־פֿאַרשטעלונג אויף פֿאַרשידענע צוועקן, איינגעאָרדנט ליטעראַרישע משפּטים, קעסטל־אָוונטן וכדומה...

די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פלעגן איינאָרדענען אינטימע פייע־רונגען, אַ סך יאָרן האָט מען אָפּגעהיט די טראַדיציע פון איינאָרדענען פרץ־אַקאַדעמיעס צו זיין יאָרצייט.

שבועות

שבועות איז געווען די שענסטע צייט פון יאָר. דער הימל איז גע־האָנגען אַ לויטערער און די קוועלנדיקע זון האָט געזייט גאָלדענע סנאָ־פּעס ליכט אויף די גרין אויסגעשפּרייטע פעלדער. די גאַנצע נאַטור איז געלעגן אַ שפּילעוודיקע פאַר די אויגן, אַלץ האָט געזונגען שירה פאַר דעם ליבן זומער וואָס האָט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, די פּרוכט בוימער הינטערן שטעטל זיינען שוין געשטאַנען אין ווייסן אויסגעפּוצט, און פאַרשיכורט מיט זייערע ריחות דעם אַרום. יידן האָבן שוין באַזעצט די גאַנקעס און אַרומגערעדט די גאַנצע וועלט, און מיטן צופאַלן פון דער נאַכט האָבן פאַרליבטע פּאָרלעך פאַרנומען די ראָמאַנטישע ווינקעלעך און בײנק וועלכע זיינען געווען באַהאַלטן אונטער געדיכטע בוימער, פאַר־שטעקט פון מענטשלעכן אויג, די ניט דרייסטערע פלעגן אַוועקשפּאַצירן ווייט הינטערן בריק.

דער באַרג אַ ניי געבאָרענער איז געשטאַנען מיט אַ פּאַריסענעם קאָפּ אָפּגעטונקט אין גרינס, און זוניק אַראָפּגעשמייכלט אַראָפּ, און קינ־דערלעך זיינען ווי מוראַשקעס געקראָכן אויף זיין ריזיקן בויך. און זיך אויסגעשפּילט אין פאַרשידענע שפּילערייען און מלחמות. שפּעטער שוין אַז ס׳זענען אויפגעקומען יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פלעגן מיר אויפן באַרג אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען און זיך צעזינגען אין ארץ ישראלדיקע לידער ביז פאַרטאָג. פונדאַנעט האָט אונזער קינדערישע צעשפּילטע פאַנ־טאַזיע זיך פאַרטראָגן ווייט־ווייט... און אַז מ׳האָט אין יאָרן אַרום לכבוד דעם באַזוך פון מלוכה־פּרעזידענט אויסגעגאָסן טרעפּ פון בעטאָן און איינגעאָרדנט בענק צום זיצן, האָבן עס פאַרליבטע פּאָרלעך גוט אויס־גענוצט.

דער באַרג איז געווען דאָס האַרץ פון שטעטל, דער צענטער פון אונדזער קינדערשער וועלטל און געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

די ספירה־טעג שוין געענדיקט, און יידן האָבן שוין געמעגט פּראַווען שמחות, האָבן זיך טאַקע פאַר דער צייט פיל תנאים׳ס און חתונות אָנגע־

קליבן, און אליקום מיט מיישקען די כלי־זמר פון שטעטל, האָבן פיל פאַרלעך צו דער חופה געפירט. די גערטנער אין שטעטל זיינען שוין געווען פאַרזייט, מיט וואָס פּאָר אַ ליבע יידן פלעגן דאָס באארבעטן די פּאָר גרינע בייטלעך הינטערן שטוב.

אַזוי ווייט זענען אונדזערע טאַטעס געווען איינגעוואָרצלט אין דעם באָדן און הייליק איז געווען די ערד וואָס פלעגט איבערגיין בירושה פון דורי דורות. חברה פלעגן דערשמעקן וואו ס׳איז שוין פאַראַן די ערשטע ראַדישקעלעך און גרינע אוגערקעס, און שטיל פלעגט מען זיך אַרויס־לאָזן אין די גערטנער אין די פינסטערע נעכט, דער עיקר האָט, מען געהאַלטן פון דער מצווה פון רייסן קאַרשן און עפּל פון די סעדער, פאַר־שטייט זיך אַז דעם ערשטן וויזיט האָט מען געפּראַוועט ביי שלמה דעם קוצ׳קער, געמאַכט צו ערשט שהחיינו אויף די פאַרעטשקעס און אַגרעסן און פאַרענדיקט מיט אַ ברכה אחרונה איבער די עפּל. אַ טייערער ייד געווען, ס׳אַראַ זאַפטיקע־געשמאַקע עפּל ס׳זיינען ביי אים געוואַקסן, געוווינט האָט ער אַ אַליין אויף יורזקע צווישן גויים. ס׳איז אים קיינמאָל גאָרניט איינגעפאַלן אַז יידישע באַלעבאַטישע קינדער זאָלן ניט מורא האָבן פאַרקריכן אינמיטן נאַכט צו אים אין סאָד און רייסן עפּל. מיר זיינען שוין דאַן געווען גרויסע קעמפער פאַרן סאָציאַליזם, געמאָנט יושר און גערעכטיקייט ביי דער וועלט, און ס׳איז אונז גאָרניט איינגעפאַלן אַז די עבירה פון ברייגנען שאָדן אין פרעמדע גערטנער און סעדער, שטייט ניט אין סתירה מיטן סאָציאַליסטישן שולחן־ערוך.

פון שבועות אָן האָט מען זיך אָנגעהייבן באָדן. אין די ערשטע יאָרן האָט מען זיך נאָר געבאָדן אין דער רעקע, וואו סאיז געפלאָסן אַ שמאָל קלאָר־וואַסער, אַרויסגעפלאָסן פון דער אָזערע, געווען איז דאָ אַ גרויסער און קליינער שטראָם, מיר חדר־יינגלעך פלעגן נאָך אין מיטן וועג זיך האַלב אויסטאָן און אַריינשפּרינגען באַלד אין קליינעם שטראָם, וועלכער איז ניט געווען טיף, דאַקעגן אין גרויסן שטראָם פלעגן זיך באָדן גמרא־יינגלעך און גוטע שווימער. ווייטער אַרויף אויף אַ בערגל האָבן זיך געבאָדן די ווייבער, און ווייסע חברה׳ניקעס פלעגן מיט פאַרדרייטע היטלען מ׳זאָל זיי ניט דערקענען, זיך לאָזן שווימען אין זייער ריכטונג, און ווי נאָר מ׳פלעגט זיי „אַנטדעקן" — פלעגט זיך אָנהייבן אַ קוויי־טשעריי, און לויפעריי פון וואַסער ביז די חברה פלעגן זיך אָפּטראָגן, און דערציילן נסים ונפלאות...

מיט יאָרן שפּעטער ווען די ציוויליזאַציע און פּראָגרעס איז אַריינ־

געדרונגען איז שטעטל, האָבן זיך שוין יינגלעך מיט מיידלעך געבאָדן צוזאַמען אויף דער „פלאַזשע" הינטער די סלאַבאַדע, אין דער אָזערע, ווי אין דער גרויסער מאָדערנער וועלט.

שבועות האָבן יידן געפּראַוועט „תקון שבועות". געזאָגט אַ גאנצע נאַכט תהילים, געלערנט משניות, געגלויבט אַז דער הימל שפּאַלט זיך, געפרייט זיך מיטן חג של מתן־תורה, און אַלס זכר פון אַמאָליקן חג הבכורים, ווען מ'פלעגט ברייינגען די ערשטע פּרוכט די כוהנים, ווען יידן זיינען נאָך געזעסן ביי זיך אין לאַנד, האָט מען דאָ אויסגעפּוצט די הייזער מיט גרינס, צוויי טעג האָט מען געיומטוב'ט, געווען אַ מינהג צו עסן מיל־כיקס, בלינטשעס מיט אַנדערע טייערע געריכטן, אין סקלעפּ איז געווען אָנגעגרייט פּאַרקילטע פיש מיט אַ קאַלטן שצאַוו וועלכער האָט מחיה נפשות געווען.

אין די יום־טוב טעג פלעגט די יוגנט אַוועקשפּאַצירן אין די טושצער און סטריפּעלישקער וועלדער, די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט שמעקעדיקע ריחות. די פייגעלעך האָבן באַגלייט מיט זייער פריי־לעך געזאַנג, אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן אין פּנים, און די הויכע סאָסנע־בוימער האָבן גערוישט, טראַגנדיק שטאָלץ צום הימל זייערע גרינע קרוי־נען, און מיר פאַרשיכורטע פון דער שיין צויבערלעכער נאַטור, האָבן זיך שוין געטראָגן אויף די פליגלען פון ווייטע אויסגעטרוימטע וועלטן. אונ־זערע בליקן האָבן אָנגעשפּאַרט אַנדערע האָריזאָנטן, די שווערע האַנט פון לעבן האָט שוין באַצייטנס געצוואונגען זיך פאַרטראַכטן וועגן אונזער ווייטערדיקן גורל און צוקונפט.

שבועות פלעגן פאַרקומען פייערונגען איינגעאָרדנטע דורך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, און אויספלוגן אויף דער אָזערע.

ימים נוראים

מיטן אָנקומען פון חודש אלול, און שופר בלאָזן האָט דאָס יידישע האַרץ געגעבן אַ ציטער. ס'איז שוין סוף זומער, די טעג ווערן קלענער און די פעלדער שטייען פאַראומערטע נאָכן שניט, די זון פאַרגייט שוין אביסל ווייטער פון מיל, אין אַ בלוטיקע שקיעה, און דער שפּיץ פון קלויסטער צינדט זיך אָן אין אַ רויטן פלאַם.

אויפן פאַרלאַטעטן הימל קלייבן זיך גראָע כמאַרעס, ווערן געטריבן

ווי סטאַדעס שעפּסן דורכן ווינט. די טאָפּאָליעס בוימער לייִנג אויס די גאַס שטייען שוין נאַקעט, און געלע בלעטער וואַלגערן זיך אונטער די פיס, דער עולם ווערט שיטערער אויף די גאַנקעס, ס׳ווערט קאַלע־מוטנע, אומעטיק אויפן האַרצן. די פייגעלאַך געזעגענען זיך מיט זייערע נעסטן. אַנטלויפן אין די וואַרעמע לענדער, ס׳הויבן אָן בלאָזן אָסיענ־דיקע ווינטן. איז עס פון פאַניזשע — אַ סימן אויף רעגן, און טאָמער פון בריק אָדער פון טייך — אויף קעלט און פרעסט. די שטילע בלאָע אָזערע האָט אויך געביטן איר פּנים, און זיך אָנגעהייבן ברוגזן אויף דער וועלט, און ברודיקע צעיושעטע כוואַליעס קלאַפּן מיט אימפּעט אויף די ברעגן, לאָזן איבער אַ ווייסן שוים, הוידנדיקע טאַנצנדיקע שיפלעך ראַנגלען זיך מיט די בייזע כוואַליעס וועלכע בלאַנקען פון דער ווייטן ווי שאַרפע חלפים. ניט איין האַרץ אין סלאָבאָדע טוט תפילה אַז דער איינציקער שפּייזער זאָל זיך אומקערן בשלום אַהיים. אויך אויפן באַרג איז דער עלטער פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען, שטייט ווי אַן אָבל, אַ פאַרוועלקטער ווי די גאַנצע נאַטור אַרום מיט אַ פליכעוואַטן קאָפּ, קיין זכר פון זיין אַמאָליקער גדולה.

ראש־השנה איז געפּאַקט אין שול. ס׳קומען אפילו די גרעסטע אַפּי־קורסים ווי כאַצקעלעוויטש דער אַפּטייקער און אליקים דער שערער. די עלטערע יידן זייִנען אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען, די טליתים פאַרוואָרפן אויף די קעפּ, זלמן־מיכל אַ הדרת פּנים׳דיקער ייִד דאַוונט ביים עמוד, שחרית, פאַרמאָגט אַ שטאַרקן הילכיקן קול, האָט ליב צו פּראָוון חזנות. מוסף דאַוונט פייטל דער אייזנקרעמער, אַ קליין־דאַר יידל מיט אַ שפּיציק שיטער־בערדל, פאַרמאָגט אַ ווייך נעימות׳דיק קול. און פלעגט זיך צע־גיסן אין אַזאַ האַרציק געבעט, פאַרגיסנדיק הייסע טרערן. איבערהויפּט האָט ער גערירט די הערצער ביי ונתנה תוקף ווען מ׳עפנט דעם ארון־קודש. פיל ווייבער אינדערהויך פלעגן אָנהייבן ספּאַזמירן, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אַלעמענס אויגן. שבת־תשובה פלעגט דרשנען דער רב — אַ ייִד מיט אַ שניי ווייסע באָרד, און אַ שטראַלנדיק ליכטיקן פּנים, ווי די שכינה וואָלט גערוט אויף אים. דעם שטענדער פלעגט אַרויפ־טראָגן מענדל דער אונטער־שמש. אַממערסטן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ ביים שופר־בלאָזן, אַ קינד אין וויג איז ניט איבערגעבליבן, די גאַנצע שטעטל האָט אויסגעזען ווי אַ בית־עולם, דער גאַנצער עולם האָט זיך פאַר־זאַמלט אין שול, דער רב אין אַ ווייסן קיטל פלעגט אַרויפגיין אויפן בימה, זיך איבערדעקן מיטן טלית, און אין אַ ציטערדיקן קול אַרויסלייענען פון

מחזור תקיעה. און יאַסע שלום־בערל׳ס פלעגט אַרויסבלאָזן ווערנדיק אינ־גאַנצן רויט, שברים. האָט דער רב ממשיך געווען, דאָ איז שוין דער טאָן געווען אַ געבראָכענער, תרועה — אַן אַלאַרמירנדיקער, ביז ער פלעגט פאַרענדיקן מיט אַ תקיעה גדולה.

אַ גאַנצן טאָג האָט מען געזאָגט תהילים, דעם צווייטן טאָג ראש־השנה נאָך מנחה געגאַנגען צו תשליך, איבערקערן אַלע קעשענעס און אויסטרייסלען אַלע עבירות פון אַ גאַנץ יאָר. אויף מאָרגן האָט שוין מענדל דער קליינער אָנגעהייבן וועקן צו סליחות מיט אַן אָנגעצונדענע לאָמטערנע אין האַנט. האָט מען טאַקע די עשרת ימי תשובה איינגעלייגט וועלטן, אבי מילדער מאַכן דעם גזר־דין, געגאַנגען אויפן בית־עולם רייסן קברים וכדומה. מיטן אָנקומען פון יום־כפור ווערן אַלע פנימער ערנסטער. די מאַמע האָט שוין אינדערפרי געוועקט שלאָגן „כפרות", ס׳זיינען שוין אָנגעגרייט פאַר די מאַנסבילן געבונדענע הענער, און אַזוי ווי זיי וואָלטן פאַרויסגעזען זייער טראַגישן גורל פלעגן זיי מאַכן אַזעלכע געוואַלדן ביים דרייען דריי מאָל אַרום קאָפּ און זאָגן: „זה חליפתי"... די ווייבער פלעגן שלאָגן כפרות אויף הינער אָדער אויף אַ קניפּעלע מיט געלט, און דערנאָך פאַרטיילן עס אָרעמע לייט.

פון נאָך מנחה אָפּזאָגנדיק על חטא, האָט זיך אָנגעהייבן בעצם דער יום־טוב, אברהם לאה־אייזיק׳ס פלעגט אויף אַ שעניק געבן מלקות אין קלייזל מיט אַ רימן. עלטערע יידן וועלכע זיינען געפאַלן „כורעים" קלאַ־פּנדיק זיך „על חטא" אין האַרצן. משונה׳דיק האָט פאַר מיר אויסגעזען אָט דער מינהג און ניט געקענט פאַרשטיין מיט וואָס האָט עס זיך אַזוי פאַרזינדיקט אַזאַ ייד ווי פסח יחיאל מרדכי״ס וואָס האָט אַ פליג אויפן וואַנט נישט אָנגערירט און זיך געלייגט אַז מ׳זאָל אים שמייסן ווי אַ פאַרזינדיקט ייִנגל אין חדר, און אַריינכאַפּן גאַנצע 39 שמיץ. אין פּאַליש איז מען שוין געשטאַנען מיט די קערות, יידן וועלכע האָבן געהאַט אַ גאַנץ יאָר אַ פאַרמאַכטע האַנט — האָבן ערב יום־כיפּור געוואָלט מכפר זיין זייערע חטאים. קודם־כל האָט מען אָפּגעצאָלט די אַלטע חובות. די גבאים פאַר די עליות, שפּעטער אָנהייבן טיילן צדקה און וואַרפן קליינ־גערס אין אַלע פילאַנטראָפּישע חברות. אויך ניט אויסגעמיטן די נאַ־ציאָנאַלע פאָנדן ווי קרן־קימת, קרן־היסוד, קרן־החלוץ און צום סוף געטיילט ווער ס׳האָט נאָר אויסגעשטרעקט אַ האַנט. אפילו קאַזשוק — דער שבת־גוי האָט אויך גענאָסן פון דער שיינער מידה ביי יידן. מ׳פלעגט אַריינכאַפּן די רייכע ישוב׳ניקעס וואָס זיינען געקומען אויף

ימים־נוראים אין שטעטל. געווען אַ ייד זלמן דער זאַנערעצער — אַ באַוואַקסענער ווי אַ בער און אַ ביסל אַ פּאַרגרעבטער — לעבנדיק צווישן די גוים, געהאַט אַבער אַ ברייטע האַרץ און אַן אָפענע האַנט — געטיילט צדקה אויף אַלע זייטן. אַ מרה־שחורה איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף אַלעמענס פּנימער, מ'האָט ביים פאַרפאַסטן זיך ווייניק גערעדט, שטיל אָפּגעגעסן און שטענדיק געדיינק איך פלעגט דער טאַטע ביים בענטשן זיך צעוויינען אויפן קול און נאָך אים די מאַמע, און מיין קינ־דעריש הערצל פלעגט אויך פאַרקלעמען קוקנדיק אויף זיי. ס'זיינען גע־ווען אמתע־אויפריכטיקע טרערן פון אַ מענטשן ווען ער שטייט פאַרן יום־הדין. אין שול האָבן געברענט אין די מנורות און קעסטלעך מיט זאַמד פיל ליכט צום אַנדיינק פון די נשמות, און שפּעטער אָנגעמאַכט אַ געפּערלעכן טשאַד, צו כל נדרי איז די שול געווען געפּאַקט, מ'פלעגט פאַרבעטן די „קנעפּלעך" פון שטעטל. אַלע האָבן געהאַט אַ יראת־הכבוד פאַרן יידישן יום־כפור. יידן שוואַכע פון דער נאַטור פלעגן אַרומגיין ווי שאָטנס אין זאָקן און קוים אויסהאַלטן דעם תענית. יוחמאַן — דער גלעזער האָט געטיילט שמעק־טאַבאַק, זיין מצוה איז עס געווען, און ס'פלעגט זיך אָנהייבן אַ ניסעניש אין בית־המדרש, יינגלעך פלעגן אַרומ־לויפן מיט יום־כפור־טראָפּנס און מכבד זיין עלטערע יידן ווען ס'איז שוואַך געוואָרן אין האַרצן.

בר־מצוה יינגלעך האָבן שוין געפאַסט אַ גאַנצן טאָג. נאָכן אָפּ־דאַווענען דעם וואָכעדיקן מעריב מחדש זיין די לבנה, און לויפן מיט אַנגעצונדענע ליכטלעך אַהיים, אויסגעמאַטערטע מידע אָן כוחות פון פאַסטן, אין שטוב האָט שוין געוואַרט דער קאָכיקער סאַמאָוואַר און כל־טוב. אין זעלבן אָוונט האָט מען שוין אַריינגעקלאַפּט אַ שטעקן אויף אַ סוכה.

סוכות

סוכות איז אַממערסטן אויסגעפאַלן אין אַ נעפּלדיקן וועטער, ווען שפּינוועבס איז געפלויגן אין דערלופטן. גאַנץ אָפט האָט שוין אַ דראַבנער רעגנדל געטריפט אָן אויפהער און אַ קעלט האָט דורכגעפרעסן די ביינער, מ'האָט שוין געשמאַק געטאָפּטשעט אין בלאָטע. דער עיקר איז געווען דער גאַנצער אויסגוס אויפן שול־הויף. אָבער דאָס האָט ניט געשטערט

יידן אויפצובויען סוכות און באַדעקן מיט סכך. די גרעסטע מצוה איז געווען צו עסן אין סוכה. און אפילו כאַפּן אַ דרעמל. און די מצוה צום אָנדיינק פון טויזנטער יאָרן, ווען יידן האָבן געוואַנדערט אין מדבר, און געוווינט אין געצעלטן האָט מען שטריינג אָפּגעהיט. און חברה קונדסים האָבן עס אויסגענוצט פאַר זייערע שקצ׳ישע צוועקן. געווען ביי אונז אַ ייד פייטל־ליפּעס האָט ער ניט שטאַרק נושא חן געווען, ויהי היום זיינען זיך חברה מיישב און מ׳באַשליסט ניט מער און ניט ווינציקער ווי איבערקערן זיין סוכה, געווען אַ געבויטע אַן אויפגעשטעלטע מיט פאַרטיקע ווענט און פענסטער, און אָפּגעטאָן האָט מען עס ערב שמחת־תורה ווען מ׳דאַרף שוין ניט עסן דאָרט. פריער אויסגעמאָסטן אַז זי זאָל ניט פאַלן צום שכן אין פענסטער, און שפּעטער לויט אַ קאָמאַנדע אַלע אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע און די סוכה האָט באַלד געגעבן אַ קרעכץ און געלעגן אַן איבערגעקערטע מיט די פיס אַרויף. אויף מאָרגן איז שוין געווען פריילעך אין שטעטל...

סוכות האָט מען געבענטשט אתרוג, פאַרן דאַווענען פלעגט מענדל טראָגן איבער די הייזער אַז די ווייבער זאָלן בענטשן, געלערנט זיי אין וועלכע האַנט מ׳האַלט דעם לולב און וועלכע האַנט דעם אתרוג, און ווען מ׳דאַרף געבן אַ שאָקל. פלעגט שטאַרק אַכטונג געבן אַז מ׳זאָל ניט אָפּ־בייסן דעם פּיטום (מ׳האָט געגלויבט אַז ס׳איז אַ סגולה צו געבאָרן יינגלעך).

מיר חדר־יינגלעך פלעגן אויספלעכטן שפּעטער פון לולב פינגער־לעך און שטאַלצירן מיט דעם. אין שול ביים דאַווענען האָבן זיך נאָר געשאָקלט מיטן לולב די מזרח לייט, אַלס מנהג פון פאַרצייטנס אויף צו ברייגנען דעם רעגן. די לעצטע יאָרן האָבן אייניקע באַקומען צוגע־שיקט פון זייערע קינדער אין א״י — אתרוגים, וועלכע מ׳פלעגט מיט פרייד אויפנעמען.

שמיני־עצרת האָט מען געזאָגט יזכור נאָך די געשטאָרבענע און דער בית־מדרש איז פול געווען מיט יללות און היסטעריע פון די ווייבער.

שמחת־תורה

שמחת־תורה איז געווען דער פריילעכסטער יום־טוב אין שטעטל. נאָך די אָכצענישן און פּייניקונגען פון די ימים־נוראים, האָט דער ייד גע־גאָרט נאָך אַ ביסל פרייד און נשמה דערקוויקונג. מ׳האָט די פאַרצייטיקע

מינהגים אין די צייטן פון בית־המקדש אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט, און דעם עולם האָט זיך געגלוסט פּשוט אַ הוליע טאָן. חדר־יינגלעך האָבן זיך אָנגעגרייט פאָנען מיט משה־רבנו׳ס בילד, אינמיטן אַ מער אויף אַ ליכטל,

און ווי איז געווען צו יענעם ביי וועמען די פאָן האָט זיך אָנגעצונדן דרייענדיק זיך ביי די הקפות. בכלל איז שמחת־תורה געווען הפקר־פּעט־רושקע. מ׳האָט אפילו געגעבן אַ היתר די נשים אריינקומען אין דער מאַנסבילשער שול, און יונגע מיידלעך פלעגן זיך צעשטעלן אַרום דער בימה אויף די ביינק און קושן די טראָגנדיקע ספר־תורה׳ס דרייענדיק זיך צו די הקפות, אַלעמענס פּנימער האָבן געשטראַלט, געווען יום־טובדיק געשטימט. אָט פּירט מען אַריין מיט געזאַנג דעם רב אין בית־מדרש. דער עולם איז אַביסל אונטערגעשנעשקעט און מ׳כאַפּט אַ טענצל. נאָטע־געצל אַ פריילעכער יידל שרייט אַלעמען אַריבער מיט זיין הייזעריקער שטים, זינגענדיק: ברוך אלהינו שבראנו לכבודו. דער שמש פאַרקויפט „אתה הראית”. שמחת תורה איז בכלל אָנגעגאַנגען אַ פרייער מסחר מיט עליות, בעיקר, האָט זיך צעפלאַקערט אַ מלחמה אויף מאָרגן ביים פאַרקויפן הגבה וגלילה אויף אַ גאַנץ יאָר, ס׳פלעגן זיך שטענדיק שאַפן צוויי צדדים: און איינער דעם צווייטן „אָנבאָטן”, און ווער ס׳איז געווען תקיפ׳ער, ביי דעם איז עס געבליבן. די יודלאָנעס האָבן יאָרן נאָכאַנאַנד די מצוה פון זייער האַנט ניט אַרויסגעלאָזן. די גרעסטע משפחה אין שטעטל געווען, וואו איר האָט נאָר געשטעלט אַ טראָט, האָט איר זיך אָנגעטראָפן אויף אַ יודליאָן, האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, בעיקר אויף שמחות.

שוין אויסגעטיילט אַלע פסוקים פון „אתה הראית”, זלמן־מיכלען פלעגט מען שטענדיק מכבד זיין מיטן פסוק: אדוני מלך... און ער פלעגט זיך אַזוי ברייט הנאה׳דיק צעגיסן. ביים פאַרטיילן אַלע ספר־תורה׳ס צו די הקפות פלעגט דער עולם זינגער לידער. פייטל מיט אַן אָנגעצונדענע ליכט אין האַנט, צעגיסט זיך מיט זיין זיס קולכ׳ל וואָס צעקייקלט זיך איבערן חלל פון בית־המדרש: „אָנה ה׳ הושיע נא” און נאָך אים גייען נאָך עלטערע יידן מיט שווערע ספר־תורה׳ס אויף די הענט. פלעגן קוים אויסהאַלטן אַלע זיבן הקפות, און נאָך זיי אַ שטופּעניש פון יינגלעך מיט קליינע ספר־תורהלעך און פאָנען אין די הענט. און טאַטעס מיט קינדער אויף די הענט גייען נאָך הינטער אַלעמען, אויפהייבנדיק אַ טומל און רעש. אויף מאָרגן האָט מען געלייענט ביי אַלע טישן, פאַרטיילט די שוין פאַרקויפטע עליות, מפטיר׳ס, חתן בראשית, מכבד געווען יעדן מיט אַן עליה. אונז חדר־יינגלעך פלעגט מען אַרונטערנעמען אונטער איין טלית

און אָפּזאָגן צוזאַמען די ברכות, דאָס האָט געהייסן עם כל הנערים — און ערשט נאָכן דאַווענען וואָס איז שטענדיק געווען אַ פאַרשפּעטיקטער האָט דער עולם אָנגעהייבן זיך משמח זיין, שיכור׳ן איז געווען ממש אַ מצוה, ווער ס׳האָט גענומען אַן איבעריקע כוסה איז גאָר קיין חרפה ניט געווען. יעדער האָט זיך געהאַט זיין חברה און משפּחה. ביי שעפּסל דעם קצב אין שטוב האָבן זיך די יודעליאַנעס לוסטיק געמאַכט. די חברה קדישא מיט ירחמיאל דעם שניידער בראש, האָבן זיך אויך געמאַכט פריילעך. אפילו אַזאַ ייד ווי הירשע־נתן וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר קיין הויך וואָרט ניט אַרויסגערעדט, געזעסן פון פאַרטאָג אָן אין בית־המדרש און גע־לערנט, איז שמחת תורה אויך אַרויס פון די כלים, ווערנדיק געפירט דורך אימיצן אַ בגלופימדיקן פון רב׳ס שטוב אַהיים. די קאַפּאָטע צעשפּילעט, די היטל פאַרדרייט, זינגענדיק אויפן קול און קנאַקנדיק מיט די פינגער, קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס. אַלע יונג און אַלט, פריידיינקער אפיקורסים, אַלע האָבן געהאַלטן פון דער מצוה „ויין ישמח לבב אנוש" — נעמען אַביסעלע משקה, אָבער קיינמאָל ניט איבערכאַפּן די מאָס, מ׳האָט געוווסט אַז באַלד נאָך יום־טוב דערוואַרטן פיל שווערע, וואָכעדיקע טעג.

חנוכה

דאָס יידישע לעבן אין שטעטל האָט שטענדיק געלעבט אויף ניסים, געהאָנגען ווי שפּינוועבס אינדערלופט. איז טאַקע דער נס פון חנוכה גע־ווען אַ סימבאָל, און געשיינט ווי אַ ליכט־טורעם אויף ווייטע דורות. האָבן די ברענענדיקע ליכטלעך אין די פענסטער פון די איינגעזונקענע שטיבלעך אין שניי אָנגעצונדן אַ העל־גלויבן, און פאַרפירט צו דעם ווייטן הערלאַכן אַמאָל. די שטעטל האָט שוין אַנאַנדער פּנים באַקומען, דער שניי האָט זיך אויסגעלייגט אַזוי ווייך און צוגעדעקט די פאַרפראַרענע בלאָטעס און מאָכיקע דעכלעך פון די הייזער. אַלעמען האָט ער אויס־געפּוצט אין ווייסן, און צוגעגעבן אַ זילבערנעם חן און גלאַנץ, אַ גע־דיכטער שוואַרצער רויך קנאָלט פון די קוימענס, אין שטוב הייצט מען די אייוועלעך מיט טרוקן האָלץ, און אַ מחיה׳דיקע וואַרעמקייט צעגייט זיך איבער די גלידער. די פאַרפראָרענע פענסטער ווי מיט בלומען אויס־געמאָלט הויבן אָן צעגיין. דער באַרג שטייט שוין אַ פאַרגליווערטער, אין ווייסע תכריכים אָנגעטאָן און וואַרפט אָן אַ פּחד. די קרויט איז שוין

לאַנג געגרייט אין הילצערנע צעבערעס, און אַ שטאַרקע זויערקייט שלאָגט אַרויס נאָכן איבערקערן עס מיטן הילצערנעם לעפל. אין סקלעפּ איז שוין אָנגעגרייט אַ קופּע בולבעס, און געזייערטע אוגערקעס, אויסגעפּרעגלטע ברושניצעס און אַנדערע וואַרעניעס... אַלץ אָנגעגרייט אויפן ווינטער.

חנוכה איז געווען פאַר אונז יינגלעך — „חי געלעבט", אַ גאַנצע וואָך ניט געלערנט, געשפּילט אין גאָרן און געקליבן חנוכה־געלט ביי קרובים און באַקאַנטע, אין די בייטלעך וואָס מ'האָט ספּעציעל אויפגעניייט און געטראָגן אויפן האלדז.

אין שולביים אָנצינדן די חנוכה־ליכט אין דער גרויסער מנורה, ווען שלום־איטשע דער שמש פלעגט הויך אויפן קול זאָגן די ברכות, האָבן מיר חדר־יינגלעך געענטפערט מיט אַ הילכיקן „אמן" אַז דער בית־המדרש פלעגט אַ ציטער טאָן.

דער עיקר האָט אונז געריייצט דער פאַרפאַרענער טייך וועלכער פלעגט זיך אָממערסטן שטעלן חנוכה. דורכזיכטיק ווי אַ גלאָז, שטאַרק ווי אַ מויער. דער ערשטער פלעגט אַלעמאָל דורכגיין איטשע דער זאָס־ווירער פון יענער זייט. קלענערע חברה האָבן זיך געגליטשט סתם אַזוי אויף די אַבצאַסן, גרעסערע אַביסל זיינען געפאָרן אויף קאָנקי. העיקר, ס'איז געווען לעבעדיק, און טאָמער איז געפאַלן אַ שניי און צוגעדעקט דעם אייז, האָט מען זיך אויך אָן עצה געגעבן. באַלד אָפּגעראָמט דעם שניי און צעשטעלט יאָלקעס פון די זייטן און געמאַכט אַ „קאַטאָק". געבראַכט אַ הילצערנע ראָד, צוגעבונדן צו אַ שטעקן און געדרייט אַ שליטעלע אָנגעזעצט מיט חברה וועלכע איז געפלויגן אין אַ ריזיקער שנעלקייט, און די שמחה איז געווען גרויס, און נאָך אַלעמען לויפן אַ היים, צערויטלטע מיט אָנגעפרוירענע באַקן און אויערן, און זיך צוכאַפּן צו די מאַמעס אָנגעגרייטע פּעטע לאַטקעס מיט גריוועגעס, אַ טייערער יום־טוב געווען.

און דערצו זיינען מיר נאָך געווען געבענטשט מיט פיל בערג אינמיטן שטעטל, ספּעציעל ווי באַשאַפן פאַר די קינדער זיי זאָלן זיך קענען שליטלען ווינטער. האָט יאָרן נאָכאַנאַנד מיט אונז געפירט מלחמות אסתר־מלכה יודע־וועלוולס, ווו דער וועג צו איר קלייטל אַרויפן באַרג איז געווען גליטשיק פון די שליטעלעך, און פלעגט זיך מאַטערן מיט אַלע כוחות מיטן שטעקן אין האַנט אַרויפגיין. וועלכע מיטלען האָט זי ניט באַנוצט אין איר קאַמף. פריער פלעגט זי זיך בעטן מיט גוטן „קינדער

האָט אויף מיר רחמנות — ווינציק בערג איז דאָ אין שטעטל, גייט צו אלי־נתן, צו מוישע דעם מאָלער"... און אַז אירע רייד האָבן ניט געהאָלפן פלעגט זי אויסשיטן מיט אַש אינמיטן וועג אַז די שליטלעך זאָלן זיך ניט קענען שליטלען. איר לעצטער מעטאָד איז געווען אויסבויען גאַנצע באַ־ריקאַדן מיט לאָקשן און זאַלץ־ברעטלעך, פאַמעלעך, לאָפּאַטעס און קאָטשערעס. אָבער חברה האָט דאָס ניט אָפּגעשראָקן, און כהרף־עין פלעגט מען דורכרייסן מיט אַ „הורא" אירע „פעסטונגען און באַריקאַדן און בשום אופן זיך ניט געוואָלט שיידן מיטן בעסטן באַרג, ווו מ'קען אַריינפאָרן גלייך אין טייך אַריין, גאָר גרויסע מזיקים פלעגן אַראָפּפאָרן ממש פון העכסטן שפּיץ באַרג. די לעצטע יאָרן געווען אַ מאָדע אַרויס־שלעפּן אַ גרויסן שליטן און זיך שליטלען ייִנגלעך מיט מיידלעך צוזאַמען.

חנוכה פלעגן אויך איינגעאַרדנט ווערן לאַטקע־אָוונטן און פייערונ־גען אין שטעטל.

פּורים

פון חנוכה ביז פּורים פלעגן זיך אָנהייבן די גרעסטע פרעסט. די גאַנצע שטעטל איז געלעגן אַ פאַרגליווערטע, דער באַרג איז געשטאַנען ווי אַ גולם אין ווייסן אָנגעטאָן, די הייזלעך האָבן אויסגעזען ווי איינ־איינגעהויקערטע זקנים, צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע ווי אַ סטאַדע שעפּסן פאַר שרעק, אַרומגעשאָטן מיט גרויסע חורבעס שניי, די פענסטער פונדרויסן זיינען געווען פאַרקאַוועטע, און די מענטשן אינעווייניק זיינען געזעסן ווי אין אַ תפיסה. אַרום די ברונעמער זיינען אָנגעוואַקסן הויכע בערג מיט אייז, און ס'איז געווען אַ סכנה נאָענט צוצוגיין, די באָבע אַן אָנגעשוואָלענע, פלעגט זיך שווער אויפהויבן, אָבער דערפאַר אויף צוריק דעם אָשוויר מיטן עמער לייכט אַרויפציען. כמעט יעדע פּאָר הייזער אין שטעטל האָבן געהאַט אַן אייגענעם ברונעם. אין די גרויסע ירידים פלעגט מען ס'וואַסער פון אַלע ברונעמער אויסשעפּן, געווען ברו־נעמער אין שטעטל, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם, און בשעת הדוחק האָט מען גענומען פון דאָרט אויף טיי. וואַסער, בדרך כלל האָט מען גענומען פון אַזעלכע אָדער פון רעקע ווייל די וואַסער דאָרט איז געווען ווייך און געהאַט אַ גוטן טעם. זומער זיינען געווען ספּעציעלע קלאַטקעס אויף טיי וואַסער, ווינטער ווען די אַזעלכע פלעגט פאַרפרירן האָט מען אויסגעקלאַפּט אין אייז פּראָלעווקעס און פון דאָרט שעפּן וואַסער אויף טיי.

האָט אַ ווינט פון קלויסטער אָנגעהויבן בלאָזן און צעוואָיעט זיך אין קוימען ווי אַ סטאַדע הונגעריקע וועלף אַזש אַ ציטער פלעגט דורכגיין אָדער אַמאָל פלעגט אָנהייבן דרייען אַ זאַווערוכע און הימל און ערד אויסמישן, אַלע וועגן פאַרשיטן, און די שטעטל איז דאַן אָפּגעשניטן גע־ווען פון דער וועלט, געווען אויך מילדערע ווינטערדיקע טעג „אַדליגעס, ווען ס׳האָט געבלאָזן אַ פייכטער ווינט. אַמאָל האָט אויך „געלאָפּעט" אַ שניי וואָס האָט זיך געקנאָטן ווייך ווי גאָמאָלקעס, אַ מחיה אונטער די פיס. יונגע חברה פלעגן קייקלען ריזיקע קוילן און מאַכן שניי־מענטשן. אויך פאַרפירן „מלחמות" אין שניעשקעס, אַ פריילעכע שפּיל געווען, אין אַזעלכע טעג פלעגט מען פליען ווי שדים אויף שליטעלעך, און גלעקלעך האָבן געקלונגען ביי די פערד, וועלכע האָבן געטאַנצט פאַר ווּלטאָג.

מיט וואָס האָבן זיך עס יידן פאַרנומען אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט אין שטעטל, ווייבער נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט פלעגן זיך אַרומזעצן אַרום די וואַרעמע אייוועלעך און שטריקן פאַר דער משפּחה, און צוטוליען די קינדערלעך אַרום זיך וואָס פלעגן איינדרעמלען אין די שויסן, די מאַנסבילן שטובּיקע געגאַנגען דאַווענען אין בית־מדרש, פאַר־שמועסנדיק זיך אַביסל אַרום אייוועלע. יידן למדנים, האָבן געלערנט אַ בלאַט גמרא ביי אַן אָנגעצונדן ליכטל, אַנדערע האָבן זיך געאַמפּערט ביים גרויסן טיש און אויפגעהויבן גוואַלדן אין זייער פּילפּוליסטיק. ביים צווייטן טיש איז געזעסן נאָטע־געצל און געלערנט עין־יעקב מיט אַן עדה יידן וואָס זיינען אַביסל קורץ אין די שוואַרצע פּינטעלעך און גע־שלונגען זיינע ווערטער מיט אָפענע מיילער. דערפאַר שבת בין מנחה למעריב פלעגן באַזעצן, דעם טיש די חברה תהילים־זאָגער מיט ר׳ בענטשע דעם שוסטער בראש און יידן פּשוטע בעלי־מלאכות, דאַרפס־גייער, באַלע־גאָלעס, וואָס האָבן זיך אַ גאַנצע וואָך געוואָלגערט אין דער פרעמד, און ניט געקענט דאַווענען בצבור, האָבן איצט אַריינגעכאַפּט אָפּדינען דעם רבונו של עולם פאַר אַ גאַנצע וואָך, און ר׳ בענטשע דער לאַטוטניק דעם גאַנצן לעבן זיינעם געלעבט אין דחקות אין זיין איינגעפאַלענע כאַטע ביים טייך, האָט שבת גערוט אויף אים די שכינה, זיצנדיק אויבנאָן צווישן דעם עולם תהילים־זאָגער. ער האָט דעם גאַנצן תהילים געקענט אויף אויסנווייניק און מיט פאַרקוועטשטע אויגן צעשאָקלען זיך אין אַ האַר־ציקן ניגון, זאָגנדיק דער ערשטער אַליין יעדן פּסוק און נאָך אים דער גאַנצער עולם אין קולי־קולות. דער בין השמשות פלעגט לאַנגזאַם צו־

פאַלן, און איינהילן דעם בית־המדרש אין אַ טונקעלען שלייער. ר׳ בענ טשעס קול פלעגט שפּאַלטן די פינסטערניש און צעקייקלען זיך איבערן חלל פון בית־מדרש, ביז אַ שטערן אין הימל פלעגט זיך באַווייזן, און אַ בליאַסק פון אַנאַנגעצונדן ליכטל ביים עמוד פלעגט איבעררייסן מיט אַ הילכיקן „ויהי רחום"...

ווינטער פלעגן אַראָפּקומען אין שטעטל „פּיעכאָטנע" מגידים. ס׳קלאַפּן פון מענדלס האַמער האָט אַנגעזאָגט דעם עולם דאָס דרשנען פון אַ מגיד, אפילו מיט יאָרן שפּעטער ווען מאָדערנע ציוניסטישע רעדנער האָבן געדאַרפט אויפטרעטן פאַרן עולם האָט נאָך מענדל׳ס הילצערנער האַמער צוגעצויגן דעם עולם, ווי די גרעסטע אַפּישן. אַממערסטן זיינען עס געווען אַלטע באַרימטע מגידים, וואָס האָבן אַרומגעוואַנדערט דעם גאַנצן לעבן פון שטעטל צו שטעטל, און זייערע דרשות האָבן זיי שוין געקענט אויף אויסנווייניק, געווען צווישן זיי גאַנץ באַגאַבטע יידן מיט שאַרפע מוחות וועלכע האָבן געשפּרודלט מיטן וויסן און חכמה. אַנגעטרונקען פון טיפן יידישן קוואַל, די גאַר באַרימטע מגידים פלעגן צוציען אפילו די גרעסטע אפּיקורסים פון שטעטל, און שוין דאַן באַוווסטזיניקע יוגנט.

פורים איז געווען אַ באַליבטער יום־טוב פאַר קינדער, שוין באַצייטנס זיך אָנגעגרייט מיט ביקסלעך און פּישטאָנעס און אַנדערע קלאַפּערגע־צייג, גרויססע מזיקים פלעגן איינסטרויען ביקסלעך און אָנשטאָפּן דאָרט פאַרשידענע אויפרייס מאַטעריאַל. דער בית־המדרש איז פול געווען מיט פאַרשיידענע ריחות, און פאַרטשאַדעט אַלעמען, שלמה־וועלוול דער גבאי, אַ הויכער ייד מיט אַ פּאָר ברילן אויפן שפּיץ־נאָז האָט אַמאָל באַשלאָסן צו קאָנפיסקירן ביי חברה ס׳גאַנצע געווער, און שפּעטער נאָכן ענדיקן לייענען די מגילה צוריק אָפּגעגעבן. די מצוה פון נקמה נעמען אָן המנען איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן, און פאַרוואַנדלט עס אין אַ הייליקן שפּיל, וואָס האָט גאַרניט געשמעקט אונזערע טאַטעס און געשטערט זיי הערן די מגילה. די מאַמעס פלעגן אויסבאַקן לכבוד פורים המנטאַשן וואָס זייער טעם פילן מיר נאָך היינט. פורים צייט זיינען שוין די טעג אַביסל גרעסער, און מילדער, די זון פלעגט אַמאָל אַ בלישטשע טאָן מיט אַ שטאַרקן זייל ליכט, און אָנגעזאָגט אַז אָט באַלד דערנענטערט זיך שוין דער פּסח און וואַרעמערע ליכטיקערע טעג.

טיפן און געשטאַלטן

הענעך מילער

מיט אַ ציטער און ווייטיק אין האַרצן טרעט איך צו שילדערן דאָס געשטאַלט פון הענעך מילער. ער איז געווען די צענטראַלע פיגור פון דער ציוניסטישער יוגנט אין שטעטל, האָט אין זיך פאַרקערפּערט אַלע אייגנשאַפטן פון אַן אָרגאַניזאַטאָר, פירער און חבר און געווען באַליבט און אָנגענומען אין אַלע קרייזן.

איך האָב ניט די מעגלעכקייט אויפצוויקלען אַלע בלעטער פון דער ציוניסטישער געשיכטע פון שטעטל, אירע קאַמפן און ראַנגעלנישן, וואו זיין נאָמען איז דורכגעפלאָכטן און וואַקסט אומעטום אַרויס אויבנאָן. ניטאָ איין געביט פון געזעלשאַפטלעכער קולטורעלער אינסטיטוציע וואו הענעך איז ניט געווען פאַרטראָטן און אַקטיוו מיטגעאַרבעט, אָנהייבנדיק פון „מכבי״, „הפועל״, ביבליאָטעק, פאַרענדיקט מיט „החלוץ״, „פרייהייט״, פאַרטיי און „העובד״. איך האָב געהאַט דעם כבוד פיל יאָרן מיטאַרבעטן מיט אים אין „החלוץ״ און פאַרטיי, אַרויסגעגעבן אַ וואַנט-צייטונג און פעריאָדישע אויסגאַבן, איך זע נאָך פאַר זיך דעם באַצויבערנדן גלאַנץ פון זיינע אויגן אונטער די ברילן, און גוטמוטיקן שמייכל, אויף זיין פּנים. אַליין אַלס ביישפּיל שטענדיק געדינט און דערפאַר געוואונען די סימפּאַטיע און אָנערקענונג פון אַלעמען.

זיין ערשטע דערציאונג באַקומען אין חדר, שפּעטער ממשיך געווען לערנען אין דער יידישער פאָלקס-שול, האָט אָבער זיינע פיל ידיעות און וויסן דערוואָרבן שפּעטער דורך זעלבסט-בילדונג, זיך געגראָבן אין די ביכער און געשעפּט פון דאָזיקן קוואַל.

פון זיין טאַטן משה דער מאָלער, וועלכער איז געווען אַ קינסטלער אין זיין פאַך האָט הענעך גערירשנט די פייאיקייט צו מאָלן, איבערהויפּט נאַטור-בילדער פון אַרומיקן פּרעכטיקן פּייזאַזש. שפּעטער אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט, אָבער זיין טאַלאַנט צו שרייבן האָט אים ניט געגעבן קיין רו און אין יאָרן אַרום געווען דער איינציקער קאָרעספּאָנדענט פון שטעטל אין דער „ווילנער צייט״, האָט באַזיצט אַ שיינעם סטיל צו שרייבן, און האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן אין שטעטל, איר פּאָפּולער געמאַכט אין דער גרויסער וועלט. פלעגט אויך פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען אין דער פאַרטיי-פּרעסע, און אין

יוגנט־אָרגאַן „פרייהייט" און טרעפנדיק זיך אַמאָל אין וואַרשע מיט אַ צענטראַלער פערזענלעכקייט פון דער פּאַרטיי, דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין אַ סווירער, האָט ער זיך באַלד פאַראינטערעסירט וועגן העניעך מילער, וועמען זיי האָבן געפּלאַנט אַריבערפירן אין וואַרשע צו פּאַרטייאישער אַרבעט.

העניעך איז געווען איינער פון די גרינדער פון „החלוץ", האָט שפּעטער אומקערנדיק זיך פון מיליטער זיך ווידער אָנגעשלאָסן אין דער צוריק אויפגעבויטער אָרגאַניזאַציע. זייענדיק איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער, האָט ער זיך שנעל צוגעפּאַסט צו דעם ייִנגערן שיכט און האָט איר פיל געווידמעט, געפירט אַ סיסטעמאַטישע קולטורעלע אַרבעט און דערהויבן דעם סניף צו איינעם פון די בעסטע פון דער סביבה. שפּעטער גלייכצייטיק די „פרייהייט"־גרופּע אין סניף, וועלכע ציט שפּעטער אַריין אויך אַנדערע עלעמענטן, אַרבעט אויך מיט אין „העובד" און שפּעטער שטייט ער בראש פון דער פּאַרטיי און אַדאַנק זיין השפּעה ווערבירט פיל מיטגלידער, און אומעטום באַווירקט און באַאייַנפלוסט זיין נאָמען און וואָרט.

בלייבט געטריי דעם רוף פון דער באַוועגונג גייט אַרויס אויף הכשרה. זייענדיק שוין דאָן נאָענט צו דרייסיק יאָר, איז אָבער גע־צוואונגען צוליב פאַרשיידענע גורמים זיך אומקערן אַהיים, אָבער ניט קיין אַנטוישטער און אַפּאַטיש געשטימט, נאָר מיטן זעלבן גלויבן אין האַרצן זיך געוואָרפן צוריק אין דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי און פון „העובד" דורך וואָנעט ער האָט באַדאַרפט עולה זיין קיין ארץ. דער אַקטיוו ווערט איינגעשרומפּן. חברה צעפאָרן זיך אויף הכשרה, טייל זייַנען עולה, העניעך אָבער שטייט אויף דער וואַך, וואַרטנדיק אויף זיין ריי צו עליה. דערווייל רוקט זיך אָן די מלחמה און זיינע חלומות ווערן צערונען. לויט די באַקומענע גרוסן האָט העניעך מיט זיין פאַמיליע געוועזן שוין אַ טאַטע צו זיין נאָר וואָס געבאָרענעם זון, געפינענדיק זיך אין דער ווילנער געטאָ, זעענדיק פאַר די אויגן דעם גורל וואָס ס'דערוואַרט זיי, באַשלאָסן פאַרלאָזן ס'געטאָ און זיך אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. אויפן וועג זייַנען זיי אָבער געכאַפּט געוואָרן און באַצאָלט מיט זייער לעבן.

אַזוי האָט טראַגיש פאַרענדיקט זיין לעבן איינער פון די ערשטע בויער וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער ציוניסטישער באַ־וועגונג אין שטעטל, און אַליין ניט זוכה געווען זיין חלום צו פאַר־ווירקלעכן.

שלמה ראַבינאָוויטש

אַליין אויסגעקנאַטן אין יחוס, זיין זיידע פון דער מאַמעס צד איז געווען דער באַוואוסטער תלמיד־חכם אין שטעטל ר׳ יאַנקל יהודית׳עס, וועלכער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות און דעם גאַנצן לעבן געווען אַ קרעמער, און ווען דער אַלטער רב מוסינזאָן איז נפטר געוואָרן האָט ער געפסקנט שאלות. זיין צווייטער זיידע איז געווען פייטל דער אייזן־קרעמער, אַ ייד אַ למדן, און דער האַרציקסטער בעל תפילה אין שטעטל, האָט מיט זיין דבקות ממש פאַרכישופט דעם עולם, און ער, שלמה, האָט



שלמה רבינוביץ

געירשנט פון ביידע זיידעס דעם דורשט נאָך וויסן און בילדונג. נאָכן ענדיקן די תרבות־שול באַשליסט ער ווייטער פאַרזעצן זיינע לימודים אין ווילנע. קענענדיק די שווערע מאַטעריעלע לאַגע אין דער היים, אַרבעט ער אַלס נאַכט־שומר אין אַ קראָם, וואָס דערמעגלעכט אים זיך זעלבסט אויסהאַלטן לעבנדיק אין שווערע באַדינגונגען. אין יאָרן אַרום ווערט ער קראַנק און איז געצוואונגען איבעררייסן די לימודים, זעצט שפּעטער ווייטער פאָר, און אַדאַנק זיין פלייסיקייט און התמדה, דער־גרייכט ער סוף כל סוף צו אַ קאַריערע — ווערט אַ לערער אין שטעטל. אַנערקענט דורך אַלעמען. פון זיין פרייער צייט פיל געווידמעט דעם

„החלוץ", אויפגעטראָטן אויף פאַרשיידענע ציוניסטישע אַקאַדעמיעס, באַזיצט אַ פאַלקסטימלעכן הומאָר און אַ חברישן צוגאַנג צו יעדערן, געווען אַ טרייער איבערגעגעבענער ציוניסט, זיך באַטייליקט אַקטיוו אין אַלע זאַמל־אַקציעס און פיל מיטגעהאָלפן אין דעם צעפלאַקערטן גע־ראַנגל אין דער ציוניסטישער מחנה, וואָס האָט געבראַכט צום נצחון פון דעם ציוניסטישן סאָציאַליסטישן פליגל אין שטעטל. זיין טרוים איז געווען עולה צו זיין קיין ארץ ישראל צו וואָס ער האָט זיך געגרייט. זייענדיק אָבער געצוואונגען — בלייבנדיק דער איינציקער שפייזער אין שטוב — עס אָפּלייגן אויף שפּעטער, ביז ער האָט פאַרשפּעטיקט.

ווי באַוואוסט האָט שלמה ראַבינאָוויטש געאַרבעט אַ געוויסע צייט בעת דער נאַצישער הערשאַפט אין דער סווירער גמינע און האָט פאַר פיל סווירער יידן איינגעאָרדנט פּאַספּאָרטן אויף קריסטלעכע נעמען, און מיט דעם זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, שטעלנדיק אין סכנה זיין אייגענעם לעבן. אַליין איז ער פאַרבליבן ביז דעם לעצטן מאָמענט צוזאַמען מיט זיין משפחה.

אַלס ווידוי דינט פאַר אונז זיין איבערגעבליבענער בריוו, וועלכער איז באַהאַלטן געוואָרן אין אַ פלעשל צוזאַמען מיט אַ שטיקל פאַרברענטע ספר־תורה פון שול (אין איינעם מיט יצחקס, פייגעלעס און שיינדעלעס בריוו) און ס'אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז זיין גרויסע ליבע און בענקשאַפט צו דעם לאַנד וואו ער האָט זיך געריסן זיין גאַנץ לעבן. זיינע ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן מיטן בלוט פון זיין האַרצן קוקנדיק דעם טויט פאַר די אויגן.

דאָס איז אַן אָפּקלאַנג פון טויזנטער אומגעקומענע לעבנס, שטייענ־דיק אויפן שוועל פון אָפּגרונט.

פייגעלע און שיינדעלע גינזבורג

פייגעלע און שיינדעלע, צוויי שוועסטער ווי אַ צווילינג אויסגעזען, ביידע יונג צעבליט, פול מיט חן און לעבנס לוסט געווען. ווי אַלע קינ־דערלעך אין שטעטל אויסגעוואַקסן אונטערן סווירער פרייען הימל, אויס־געקושט דורך דער מחיהדיקער צערטלעכער זון, אויסגעשפּילט די קינד־הייט אויפן באַרג וואָס האָט הינטער זייער שטוב דעם קאָפּ פאַריסן, אָפּגעפרישט זיך אין די קילע וואַסערן פון דער שטילער בלאָער אָזערע. און אָט אַזוי זיינען די שפּילעוודיקע יאָרן דורכגעפלויגן. פייגעלע און שיינדעלע האָבן די תרבות־שול געענדיקט, געהאַט דאָס גליק ווייטער

ממשיך זיין לערנען אין ווילנע. און אויף די ימים טובים אַראָפּ־געקומען אַהיים צעשטראַלטע, באַהנטע אין גימנאַזיסטישע היטעלעך און טאַטע מאַמע נחת פאַרשאַפט. געהאַט נאָך אַ מזל, געבוירן ווערן ביים זיידן, ר׳ פייטל דעם אייזן־קרעמער און געירשנט פון אים אַ שיינעם קול צום זינגען. איז זייער שטוב שטענדיק פול געווען מיט געזאַנג, שבת זמירות געזונגען, פסח די הגדה די לעצטע פאַרענדיקט און שמחת־תורה ביי אַ גלעזל משקה זיך סתם פריילעך געמאַכט. פייגעלעס



שיינדל גינזבורג, שייטל מילר, דבורה גינזבורג, פייגעלע גינזבורג

נעימות׳דיקער קול וואָס פלעגט זיך ווי א פידעלע צעשפילן באַזונדערס זיך אויסטיילן. אַליין אַ שוואַכע פון דער נאַטור געווען מיט אַן איידעלן צאַרט פנים און סאַמעט גלעטנדיקע אויגן. שיינדעלע איז געווען מער ברויזנדער, שקציש, ווערן זיי שפּעטער ווי ס׳רוב שטעטלדיקע יוגנט אַריינגעצויגן אין „החלוץ״, ווילן אויסמיידן דעם וועג פון הכשרה, גרייטן זיך עולה זיין דורך אַנדערע וועגן. און דערווייל איז די מלחמה אויס־געבראָכן און זייערע יונגע לעבנס פאַרצוקט.

ערשט אין יאָרן אַרום איז אַנטדעקט געוואָרן פון זייער באַהעלטעניש

א געזעגענונגס־בריוו מיט דער ליכטיקער וועלט, אַדרעסירט צו די גליק־לעכע אין יענעם לאַנד וואו זיי וועלן שוין ניט דערגרייכן. וויסנדיק אַז זייערע טעג זיינען געציילטע, נאָכדעם ווי ס׳רוב פון שטעטל זיינען אומ־געקומען, געפינען זיי פאַר זייער הייליקן חוב זיך שיידן מיט די לעבנס־איבערגעבליבענע אין געציילטע האַרציקע שורות. און ס׳איז צו באַ־וואונדערן דעם געוואַלדיקן כוח פון דער שוואַכער טרוימערישער פיי־געלע, צו קענען האַלטן פעסט די פען אין האַנט און שרייבן איר לעצטע צוואה. טיף רירנדיק זיינען אירע ווערטער, דערמאָנט אונז: „זאָגט נאָך מיר קדיש״.

זייענדיק שטענדיק ווייט פון רעליגיעזע סענטימענטן, דאָך אין אַזעלכע מינוטן פון יאוש און אַפּאַטיע זוכט זי אַן אָנשפּאַר אין אַן אי־בערמענטשלעכן הימלישן כוח, ווען אויסגעלאָשן איז שוין יעדער שטראַל פון האָפענונג, פילנדיק דעם קאַלטן אָטעם פון טויט, וועלכער איז אומ־פאַרמיידלעך.

שיינדעלע גיסט אויס איר פיינפול האַרץ אין די כאַראַקטעריס־טישע געציילטע שורות פון ביאַליקס שחיטה־שטאָט: „השמש זרחה, השיטה פרחה והשוחט שחט״ און פאַרענדיקט אַזוי פּאַטאַל אַפּהעגטיק „דאָס איז אַלץ״ —.

ס׳איז איין בלוטיקער אויסגעשריי אין דעם אַרומיקן חלל.

ס׳איז אַ טיף באַלערנטער דאָקומענט ווי אַזוי עס האָבן אויפגענומען דעם גזר הדין אונזערע אַלע טייערע און נאָענטסטע אין די קריטישע מינוטן פון זייער לעבן.

ליזע כאַצקעלעוויטש

געבאָרן געוואָרן ביי איר טאַטן זלמן דער פעלדשער, אַן אינטע־ליגענטער און באַליבטער מענטש אין שטעטל, ווייט געווען פון דעם אַסימילאַטאָרישן טיפּ לויט זיין שטאַנד. הגם ער האָט געוווינט אין עק שטעטל צווישן קריסטן דאָך איז ער געשטאַנען אין אַן איינגן קאָנטאַקט מיט די יידישע קרייזן. זיין זון ראובן איז געווען אַ הייסער ציוניסט און סימפּאַטיזירט מיט דעם „החלוץ״ און טיילמאָל מאָראַליש און מאַ־טעריעל מיטגעהאָלפן. זלמן האָט אויך פאַרמאָגט אַן אַפּטייק, אגב די איינציקע אין שטעטל, און געפירט אַ רחבותדיקן לעבן.

זיין מוזינקע ליזע האָט נאָכן ענדיקן שטודירן אין ווילנע, זיך אומ־געקערט אַהיים צו דער הערלעכער דירה פון איר רייכן טאַטן. ניט גע־

פינענדיק אָבער קיין געזעלשאַפט און פּאָסיקע סביבה, געזעסן שטענדיק ווי פאַרשלאָסן אין אַ תפיסה, פון פרי ביז שפּעט אין טונקעלן אַפּטייק, אַריינאַטעמדיק די פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן. אַליין אַ סובטעל אידעלע געשטאַלט, צאַרט געזיכט, פון וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר טונקעלע פאַרחלומטע אויגן, און אַן ערנסטער פאַרטראַכטער בליק. קיינמאָל איר ניט געזען שפּאַצירן אין דעם אַזוי פּרעכטיקן אַרומיקן פּיי־זאַזש, נאָר געזעסן אַ פאַראיינזאַמטע ביים פענסטער, ביז דאָס לאַנגוויי־ליקייט און מאָנאָטאָנישקייט איז איר מאוס געוואָרן און אַ סוף גע־מאַכט צו איר יונג בליענדיק לעבן. שנעל האָט זיך די ידיעה צעטראָגן אין שטעטל און אַלעמען אויפגעציטערט, געלאָפן אָנקוקן צום לעצטן מאָל די בליענדע שיינע ליזע וועלכע איז געלעגן ווי אין אַ זיסן חלום פאַרוויגט.

דער דאָזיקער אויסטערלישער טויט האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן רושם אין זיין צייט.

הירשע נתן

הירשע נתן איז געווען אַ הדרת־פּנימדיקער ייד מיט אַ פּאַטריאַכאַ־לישן אויסזען, פאַרמאָגט אַ פּאָר גרויסע פאַרחלומטע אויגן און אַ שיין צוקעמטע באָרד. דעם גאַנצן לעבן געקנעלט, געווען אַ מלמד און אויף דער עלטער זייענדיק עקאָנאָמיש געזיכערט, האָט ער זיך גענומען צו מצוות. יעדן פרייטיק פלעגט ר׳ הירשע־נתן, אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, גיין געלאָסן פון שטוב צו שטוב קלייבן פאַר אָרעמעלייט. ווינטער אין די ערגסטע וועטערן און זומער אין די גרעסטע היצן האָט ער זיין שליחות אויסגעפירט, און יעדער האָט עס אָפּגעשאַצט און געטראָגן אים אַנטקעגן די גראָשנס וועלכע ער פלעגט פאַרטיילן נויטבאַדערפטיקע מענטשן, און מיט דעם געלינדערט די נויט פון פיל אָרעמע משפחות און אויסגעמיטן דעם הונגער אין זייערע הייזער. אַדאַנק דעם זיינען אין שטעטל ניט געווען קיין בעטלער וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

אַ חוץ דעם האָט הירשע נתן געהאַט אַנדערע מצוות. יעדן פרעמדן אורח באַזאָרגט מיט עסן און טיילמאָל אויך גענומען צו זיך, פאַר יעדן מגיד געשטעלט אַ קערה און אַכטונג געגעבן אַז דער עולם זאָל עפּעס אַריינוואַרפן. דער ערשטער שטענדיק קומען אין בית־המדרש, נאָך אין דער פינסטער און לערנען ביי אַן אָנגעצונדן ליכטל, און דער לעצטער פאַרלאָזן די שול זיצן אַלעמאָל אָפּגעזונדערט פון אַלעמען פאַררוקט

אין אַווינקל און דאַוועגען בהתמדה, מיט מענטשן ווייניק וואָס גערעדט, געווען אַן ערלעכער, כשרער ייד און צום סוף נאָך זוכה געווען צו שטאַרבן אין מיכאַלישקער גטעאָ אַ קורצע צייט פאַרן איבערפירן אַלעמען אויף פאָנאַר.

איטקע טשערנעס

מען האָט איר אויך גערופן איטקע די פּאַטיקע. אַן אויסגעטריקנטע, איינגעקאָרטשעטע ידענע, אָרעם אַנגעטאָן, מיט אַ נעבעכדיקן, פאַראומערטן פּנים, געוווינט האָט זי אַליין אויפן שול־הויף, אין אַ קליין איינגעפאַלן הייזל, פלעגט יעדן שבת אינדערפרי גיין אויפקלייבן חלה פאַר אָרעמע לייט און ס׳איז געווען אַ רחמנות צוצוקוקן ווי זי טראָגט די פולע קערב־לעך מיט חלה וואָס דער עולם פלעגט איר טראָגן אַנטקעגן, דרייענדיק זיך פון דער שווערער משא, האָט עס באַלד צעטיילט אין די אָרעמע הייזער וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַקן. געווען די „שרה בת טובים” אין שטעטל. איינע פון די לעגענדאַרע פיגורן וועלכע האָבן זיך מיט זייערע מעשים קונה שם געווען, און געבליבן ביי יעדן איינגעקריצט אין זכרון.

אברהמ׳קע לאה אייזיקס

אַז איר האָט אָנגעקוקט אַברעמקע לאה אייזיקס (מ׳האָט אים אויך גערופן אַברעמקע דער קוימנקערער), וועלכער איז שוין געווען אַ ייד אין טיפן עלטער האָט ער גאָר קיין גרויסן איינדרוק ניט געמאַכט. האָט ווער געכאַפּט מיט אים אַ שמועס האָט מען זיך אָנגעלאַכט אַ פולן בויך, ס׳האָבן זיך פון אים געשאָטן גלייכווערטלעך און וויצן אָן אַ שיעור, באַזיצט אַן אָריגינעלן פאַלקסטימלעכן הומאָר, און אַלץ אויפן חשבון פון זיין בינטל צרות און אָרעמקייט. געווען שטענדיק אַן אויסגעשמירטער אין סאַזשע פון קאָפּ ביז די פיס, און אפילו שבת ווען ער איז שוין געקומען אַן אויסגעפאָרעטער פון מרחץ, און אָריינגעקראָכן אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע און וואָכעדיקע שטיוול, האָט זיך נאָך פאַרגנבעט אַ זכר פון סאַזשע ביי אים אונטערן נאָז. געווען איז ער פון קליינעם וואוקס, אַ רירעוודיק יידל מיט אַ פּאָר לאַכיקע אויגן וואָס האָבן שטענדיק אַראָפּ־געשמייכלט אין דער ברייטער סיוועד באָרד אַריין, און אַז ער פלעגט דורכגיין אַמאָל די גאַס מיטן לייטער אויף די אַקסלען און די שוואַרצע

קויל מיטן בעזימל וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט ווי אַ ממזרל פֿאַרוואָרפֿן אויף דער פּלייצע, צוזאַמען מיט אַן אויפגעדרייטן קויטיקן שטריק, האָט איר געזען ווי עפּעס אַ שוואַרצער שד שפּאַצירט. ווען האָט מען זיך דער־מאָנט אין אַברעמקע לייזיקס ווען אין שטעטל איז אויסגעבראָכן אַ שריפה, און טרעפן פלעגט דאָס אַלעמאָל אין די פינסטערע אָסיענדיקע נעכט, ווען מ׳הייצט די אויוונס און מ׳זינקט אין בלאָטע טיף, און נאָכן ערשטן געשריי „,,פאַזשאַר״, הויבט מען אָן לויפן ניט טויט ניט לעבעדיק אין איין אָטעם, קליין און גרויס, אַלט און יונג, ווער גלייך צום אָרט פון דער שריפה, וואו דער הימל צינדט זיך אָן ווי אַ לאַמטערן און ווער גלייך צום שאַראַי, און ס׳שפּאַנען זיך איין ווייבער מיט מאַנסבילן, רייכע מיט אָרעמע אין אַ באָטשקע אָדער מאַשינדל, און מ׳לויפט מיט די לעצטע כוחות איבערן ברוק. דער סוף איז אַלעמאָל געווען אַ גוטער. מ׳האָט שטענדיק איינגע־לאָשן די שריפה. אַחוץ גאָר פאַרצייטן האָט געטראָפן אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט אָפּגעברענט פון איין עק ביזן צווייטן. פון דאַן אָן זיינען קיין גרויסע שריפות ניט געווען. פרומע יידן האָבן געגלויבט, אַז דאָס איז בזכות פון אַלטן רב ר׳ יעקב וועלכער האָט געבענטשט דאָס שטעטל אַז זי זאָל מער ניט ברענען.

דאַן ערשט פלעגט מען אַברהמקע לייזיקס ממש פאַרצוקערן, ר׳ אברהם (נאָר אין די אויגן האָט מען אים אַזוי גערופן) ווען קערט איר אויס ביי מיר דעם קוימען, שרייט באַלד נאָך אַ צווייטע יידענע מיט אַ קוויטש, ביי אונז דאַרף מען שוין לאַנג די לוכטעס אויסציסטשענען, צעשרייט זיך אַ דריטע אין אַ האַלב וויינענדיקן טאָן, ר׳ אברהם האָט רחמנות, כ׳געדענק שוין ניט די צייט ווען מ׳האָט ביי אונז גערייניקט. און אברהם גייט זיך געלאַסן, און ענטפערט רואיק שמייכלענדיק אין זיך, אויסקערן זאָל אייך אַלעמען. געהערט אַביסל ווי ס׳האָט אַלע ווייבער אָנגעשפּאַרט מיט איינמאָל. נאָר וואו אברהמקע לייזיקס פלעגט אַריינ־קומען איז שוין אומעטיק ניט געווען. אַריינמאַרשירט מיטן גאַנצן קלאָ־פערגעצייג אין שטוב (אַחוץ דעם לייטער האָט ער אָנגעשפּאַרט אויפן דאַך) באַפוילן גלייך, שאַ מאַכט אַ וואַרע ווישט מיר אָפּ אַ ריינעם שטול כ׳זאָל ניט פאַרפלעקן מיינע זאַכן, איר זעט ניט ווער עס גייט. און איר זייט אַזוי גוט, וועגדעט ער זיך צו אַ צווייטן, טוט מיר אויס דעם פוטער און הענגט אים אַריין אין שאַפע ביז איך וועל ענדיקן. אַלע קייקלען זיך פאַר געלעכטער, און ערשט דאַן טרעט ער צו ווי אַ פּראָפעסאָר צו אַ געפערלעכע אָפּעראַציע, קאַלט, געלאַסן, ער האָט שוין געוואוסט קלאָר

אין וועלכער זייט ס'עפנט זיך די יושקע אין יעדן אייוועלע, און דורכוואַנעט מ'קריכט אַרויף אויפן בוידעם. אַלץ האָט ער געדענקט. און אַז ער האָט שוין אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן בוידעם, און אַראָפּגעקראָכן אונטן קוים אַ לעבעדיקער, האָט ער זיך באַוואָפנט מיט די שווערע כלי־זין און געקלעטערט ווי אַ יינגעלע אויפן לייטער, און אויפן דאַך קריכן אויף אַלע פיר צופויזן צום קוימען, און דערביי צו זיך אַליין אונטער־זינגען, אליין אליין וועט אַברעמעלע גיין און אויפשטעלנדיק זיך ביים קוימען אַראָפּשרייען אויף אונטן, נו, איך פרעג ביי אייך, ווער שטייט איצט העכער איך אָדער יצחק טראַיק (דער גרעסטער גביר אין שטעטל) און נאָכן דורכפּאָרן מיטן בעזעמל עטלעכע מאָל אַרויף און אַראָפּ אַראָפּשלעפּן זיינע עטלעכע און זיבעציק יאָר אונטן און אָנהייבן קריכן פונדאַסניי אויף ניידע בוידעמער און דעכער.

אַחוץ דעם האָט נאָך אַברהמקע לייזיקס געהאַט פיל אַנדערע מלאכות, געווען אַ מולער און אַ קברן, און פון די אַלע פרנסות נאָך ווייט געווען פון ראָטשילדן. אַ קבצן געווען דעם גאַנצן לעבן, געווען אַ מטופל מיט אַ סך קינדער, און פלעגט טרייבן לצנות אויף זייער חשבון. איר ווייסט, איך זעץ זיך קיינמאָל נישט צום טיש אָן צען אָרעמע לייט...

זיינע חכמות און וויצן פלעגן איבערגיין פון מויל צו מויל, איך שלאָף שוין רואיק, האָט ער אַמאָל געזאָגט, מיינע קינדער זיינען שוין באַזאָרגט, איינעם שרייב איך אָפּ באַלקאָווער הויף, אַ צווייטן קאָמעראָווער, באָרע בערלען גיב איך אַוועק דעם גאַנצן גאַשטשינעץ ביז אַלשעווע מיטן מיל צוזאַמען, נו און די איידעמס נעם איך אַלע צו זיך אויף קעסט דעם גאַנצן לעבן. גאַנץ שיין פון מיין זייט.

אַ פריילעכער קבצן געווען, השמח בחלקו.

ישראל גאָרדאָן

ישראל גאָרדאָן איז געווען אַ טרייער און איבערגעגעבענער כלל־טוער, ניט געווען קיין איין געביט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט וואו ישראל גאָרדאן זאָל ניט שטיין בראש, און מיט זיין גאנצן אימפּולסיוון נאַטור, ברויזנדן טעמפּעראַמענט זיך אַריינגעריסן אין דער אַרבעט, אָנ־הייבנדיק פון די פייערלעשער וואָס אַדאַנק אים און נאָך יחידים איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער בלאָז־אָרקעסטער, וועלכער האָט פיל אַרייַנ־געבראַכט אין דעם קולטורעלן לעבן אין שטעטל.

ווערט שפּעטער אויסגעקליבן אַלס דער פאָרזיצער פון דער קהילה

און האָט פיל געלייסטעט פאַר אים. געווען איינער פון די חשובע ציוניס־טישע פערזענלעכקייטן, האָט זיך גערעכנט אַלס אויסגעצייכנטער רעד־נער און שטענדיק אויפגעטראָטן אויף פייערלעכע ציוניסטישע אַקאַ־דעמיעס, האָט זיך אויך באַרימט געמאַכט מיט זיין אויפטריט אַלס באַ־שולדיקער אויפן ליטעראַרישן משפט, „איבער דער פרוי״.

איינער פון די געציילטע אין שטעטל וואָס האָט פאַרמאָגט הויכע בילדונג, און דאָך געווען אַזוי פאָלקסטימלעך געשטימט, און מיט יעדן געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך און ליב געהאַט צו דיסקוטירן. זייענדיק אַן איבערצייגטער רעוויזיאָניסט איז ער אָבער אָנערקענט געוואָרן דורך אַלע ציוניסטישע קרייזן, און אָפּגעשאַצט אַלס אויפריכטיקער מענטש און געזעלשאַפטלעכער טוער. האָט זיין גאַנצע ענערגיע און אפשר אויך אַ טייל פון זיין לעבן אָפּגעגעבן דעם כלל. וויסנדיק פאָרויס אַז ער ליידט פון אַ שווערער, געפערלעכער האַרצקראַנקייט, און איינמאָל שטייענדיק ביי זיין אַרבעט אין אַפּטייק האָט ער באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און אויפן מאָמענט געשטאָרבן.

זיין טויט האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן רושם, און געווען אַ גרויס פאַרלוסט פאַרן שטעטל.

באַרע בערל

אויף דער עלטער איז אַברעמקע לייזיקס איבערגעבליבן נאָר מיטן מוזיניק באַרע בערל, געווען געראָטן אין טאַטן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, דער זעלבער וואוקס, צעפלאַטשער נאָז און פאַרזשמורעטע לאַכיקע אויגן. האָט אים אויסגעלערנט זיינע אַלע פּראָפעסיעס, און פון טאַטן גענאַשט די חכמות און אפילו אים אַריבערגעשטיגן. אַז ער פלעגט אַמאָל דער־ציילן אַ וויץ פלעגט ער מאַכן אַזאַ ערנסטע מינע, און וואַרטן אַז דער צווייטער זאָל לאַכן. געווען צייטן ווען מ׳האָט צוגעהונגערט ביי זיי אין שטוב. באַרע בערל האָט זיך חס וחלילה ניט באַקלאָגט אויף זיין גורל, נאָר דערציילט אויף זיין שטייגער אין אַ הומאָריסטישן טאָן. נעכטן האָבן מיר געגעסן אַ לייכטע וועטשערע. וואָס אַ שטייגער, פרעגט מען אים. מיר האָבן אָפּגעקאָכט וואַסער, צעוואַשן די הענט און געגאַנגען שלאָפן.

איינמאָל זיצנדיק פאַרטראַכט (משמעות ביי אַ הונגעריקן מאָגן), טוט בערל אַ זאָג: איר ווייסט וואָס איך האָב איצטער באַטראַכט. וואָס — אַ שטייגער — פרעגן אַלע? ווען פון סווירער באַרג ווערט אַ ריצישניק און פון די וואַסער פון טייך מילך — וואָלט איך איצט אַ ביס געטאָן

אין ריצישניק, און פאַרטרונקען מיט מילך. אַלע שיסן אויס אין א גע־לעכטער.

שפּעטער אַז באַרע בערל האָט חתונה געהאַט און אָנגעהייבן קינדלען אויפן טאַטנס שטייגער, האָט אים ווער אַ פרעג געטאָן: באַרע בערל, אַלע יאָר אַ קינד, מ׳דאַרף זיי דאָך געבן עסן אויך? באַרע בערל האָט לאַנג נישט געטראַכט און געענטפערט, ערשטנס דאַרפט איר וויסן זיין אַז מיינע קינדער עסן אַליין. והשנית דאַרפט איר פאַרשטיין, אויף קיין פרעמדע שמחות פאַרבעט מען מיך ניט, שרייב איך אונטער אַלע יאָר אַ וועקסל, און פראַווע אַליין אַ שמחה. קענט איר האָבן צו מיר טענות?

משה׳ל דרעוויאַצקי

אַ זעלטענע אידעלע געשטאַלט מיט וועמען מיר קענען שטאָלצירן. אַליין אַ שוואַכער פון דער נאַטור מיט אַ פּאָר פריינדלעכע אויגן און וואַרעמען בליק, שטענדיק גרייט יעדערן צו העלפן. זייענדיק פון פאַך אַ זייגערמאַכער, געפינט אויך פיל צייט אָפּגעבן פאַרן כלל און מיט זיין געוואַלדיקער אינערציע וואַרפט ער זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין דער פיבערהאַפטער אַרבעט אין שטעטלשע ענינים, אָנהייבנדיק פון משמרת חולים ווו ער איז איינער פון אירע גרינדער, איז דער רוח־החיים אין דעם האַנדווערקער־פאַריין, און שפּעטער איינער פון די גרונטלייגער פאַר דעם פאָלקס־באַנק און גמילות חסד ווו ער האָט יאָרן לאַנג גע־אַרבעט און געשטאַנען בראש פון דער פאַרוואַלטונג; איז אויך אַקטיוו אין דער פייערלעשער געזעלשאַפט און אַדאַנק אים איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער ריזיקער בנין. אויף אַלע פאַרזאַמלונגען האָט זיין הילכיק קול געקלונגען, און זיין איבערצייגנדיק וואָרט איז אויסגעהערט געוואָרן מיט רעספּעקט און אַכטונג.

ס׳האָט אונז דערפרייט די ידיעה אַז משה״ל דרעוויאַצקי מיט זיין משפּחה געפינען זיך צווישן די לעבנס פאַרבליבענע יידן פון שטעטל. האָט אָבער אין יאָרן אַרום אַן אויסגעשעפּטער און אויסגעמאַטערטער נאָך אַזויפיל פיינפולע יאָרן געפונען דעם טויט אין דייטשלאַנד, פונוואַ־נעט ער האָט געפּלאַנט עמיגרירן קיין אַמעריקע.

פייוועקע דער בלינדער

פייוועקע דער בלינדער האָט שטענדיק אַרויסגערופן אַ טיפן רחמנות־געפיל ביי יעדן, ערשטנס ווייל ער איז געווען דער איינציקער בלינדער

אין שטעטל, והשנית — האָט ער זיך שטענדיק געדרייט פאַר די אויגן. אין זיינע אָפּגעטראָגענע מלבושים און שוואַרצע ברילן, שאַרנדיק זיך פאַרזיכטיק מיטן שטעקעלע פּאַזע די הייזער, ער האָט געגנוי געוואוסט יעדן ראָג און געסעלע, אלס איז אים געבליבן אָפּגעשטעמפּלט אין זכרון פון יענע יאָרן ווען ער האָט געזען. די גאַנצע שטעטלשע מאַפּע איז געשטאַנען פאַר די אויגן, און אָן קיינעמס הילף פלעגט ער פריי אַרומשפּאַצירן ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט דערציילט וועגן אים פאַלגנדן קוריאָז: גייענדיק איינמאָל שפּעט אין אַ פינסטערער נאַכט אַהיים האָט ער זיך אַנגעטראָפן אין אברעמקע לייבע דעם קצבס, וועלכער איז געווען זייער אַ קורצזיכטיקער און ביינאַכט נישט געזען די שיין. דערשמעקט אַז אײַמיצער גייט האָט ער באַלד אָנגעהויבן שרייען „קטאָ טוט". פּייווקע האָט גלייך דערקענט אַברעמקעס קול; פאַרמאָגט דערביי אַ טיפן חוש, פלעגט אפילו דערקענען דעם אונטערגעוואָקסענעם דור לויטן קול פון דער משפּחה, און באַלד אָפּגעענטפערט „איך פּייווקע!" שרעק זיך ניט, זאָג מיר עפּעס, אַברעמקע, וואו קריכסטו אַרום אַזוי שפּעט איבער די גאַסן". דערהערנדיק אַ יידיש וואָרט, איז אברעמקען געוואָרן פריילעכער אויפן האַרצן, און צוגעפאַלן צו אים. „פּייוועלע האָב אויף מיר רחמנות, פיר מיר אָפּ אַ היים. איך דריי זיך שוין דאָ אַרום ווער ווייס וויפל, און ווייס נישט וואו איך בין אויף דער וועלט. אַז ס'איז פינסטער ווי אין אַ קבר". און פּייווקע דער בלינדער האָט אָנגענומען אַברעמקען פאַרן האַנט און געבראַכט אים צופירן אַהיים.

זייער דראַמאַטיש איז פּייווקעס לעבנס-געשיכטע. צו 18 יאָר איז ער בלינד געוואָרן און אויף אייביק פאַרלוירן די ראיה. אַליין אַן אָרעמער בחור געווען, אַ זון פון אברהם דער קוימענקערער, האָט ער ניט געהאַט קיין מיטלען זיך היילן ביי די באַרימטע דאָקטוירים, וועלכע וואָלטן אים אפשר געראַטעוועט. בדרך כלל האָט ער זיך געדרעכנט אין זיין צייט פאַר אַ כוח און אין פינפטן יאָר געהערט צום „בונד". ער איז אויך געבענטשט געוואָרן מיט אַ שיינעם קול — געראָטן אין טאַטן. אין יאָרן אַרום, ווען אַלע זיינע חברים זיינען זיך צעפאָרן, אָדער חתונה געהאַט, פלעגט זיך פּייווקע חברן מיט יינגערע פון אים, און אין אויסגעשטערנטע זומערדיקע נעכט, פלעגן מיר זיך אַרומזעצן אַרום פּייווקע דעם בלינדן, וואָס פלעגט זיך צעגיסן מיט זיין האַרציקע שטים, און ווי אַ פליסנדיקער קוואַל האָט זיך געקייטלט איין ליד אין דעם צווייטן. ער פלעגט אָנהייבן פריער פון זיינע באַליבטע, רוסישע לידער, אַריבערגייענדיק צו רעוואָלוציאָנערע

ראָמאַנטישע, און פאַרענדיקן מיט פאָלקס־לידער. אין יעדער ליד אויסגע־דריקט זיין טיפן פיין און ווייטיק געזונגען מיט אַזוי פיל פאַטאָס און גע־פיל, די שטעטל אַרום האָט שוין געדרעמלט; און די גאַנצע נאַטור האָט זיך צוגעהערט צו זיין געזאַנג, די לבנה פון אויבן האָט מיט איר זילבערנעם שיין באַלויכטן זיין איינגעזונקענעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אָן די הענט אָנגעשפּאַרט. און ביי יעדן מיטלייד אַרויסגערופן. ווייט פלעגן אונז זיינע לידער פאַרטראָגן, פון יענע שטורמישע, בונטאַרישע יאָרן ווען — „העלער וועט ווערן די פינסטערע נאַכט״ אָוועקפירן אונז אין „די שמאָלע געסעלע צו די ליבע רייזעלען און פאַרענדיקן מיט דעם ליד „די שטעטל, זי דרע־מלט, די לאָדנס פאַרמאַכט, גיי איך צו מיין געליבטע שפּעט אין דער נאַכט״. שנעל פלעגן דורכלויפן די שעהן, ביז דער הימל פון דעם צווייטן זייט אַזערע פלעגט זיך ראָז צעשמייכלען, און מיר פאַרשיכורטע פון דער נאַכט, פלעגן זיך צעגיין יעדער אין זיין ווינקל און באַגלייטן פונדערווייטנס פייווקען דעם בלינדן, וועלכער פלעגט זיך אָוועקשאַרן מיט זיין שטעקעלע, פאַר ווערמען די שיין פון אויפגייענדיקן טאָג באַלויכט ניט דעם וועג צו זיין אָרעמען געלעגער! פייווקען האָט אויף דער עלטער געטראָפן אַ גליק, חתונה געהאַט מיט אַ יונג שיין מיידל. דער שפּעטערדיקער גורל האָט אויך פייווקען דעם בלינדן מיט זיין משפּחה נישט אויסגעמיטן, און אויף פאַנאַר זיין טראַגיש לעבן פאַרענדיקט.

חיים מאיר

ווער פון אונז האָט ניט געקענט חיים מאירן. אַלע קינד און קייט, אין דער גאַנצער געגנט אַרום האָט געקלונגען זיין נאָמען. ער האָט אַלע־מאָל געבראַכט מיט זיין קומען אַ שמחה. אַ חתונה אין שטעטל, פאַראַן נאָך פריילעכערס. די גאַנצע שטעטל איז פאַטאַראַמט, יעדער גרייט זיך באַזונדערס, וועגן חתן כלה און מחותנים איז דאָך שוין אָפּגערעדט און אַז גאָט העלפט און דער חתן אָדער די כלה איז ניט פון הי, קען מען שוין ניט דערלעבן די מינוט, די רגע ווע מ׳פאַרט איבערנעמען הינטערן שטעטל די מחותנים. פּלוצלינג אַ געפּילדער, אַ רעש, פערד פאַרפּוצטע אין קאָ־לירטע סטענגעס, און גלעקלעך אָנגעטאָן אויף די העלזער, לויפן ווי פון אַ שריפה אויפן האַרטן ברוק, אַזש ס׳טרייסלט אַרויס די ביינער, אַלע לויפן אַרויס אויף די גאַנקעס, אָנקוקן די מחותנים.

הכלל, עס רודלט זיך„ אַ חתונה אין שטעטל. און ער חיים מאיר איז דער ערשטער קול מבשר, ער פאַלט שטענדיק ווי פון הימל אַראָפּ,

דערשמעקט פונדערווייטנס יעדע חתונה אין שטעטל. ער קלייבט ניט איבער אָרעמע, אַ רייכע, דאָס איז דאָך זיין ברויט און פּרנסה, און קומט אַלעמאָל ניט קיין געבעטענער, האָט איר וואָן געזען אַ חתונה אָן חיים מאירן, ער האָט שוין אויף דעם אַ חזקה זינט ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, און געהאַלטן אין איין טענה׳ן אויף יעדן טריט און שריט, אָן מיר פּראָ־וועט מען ניט קיין חתונות. איך האָב חן, איך האָב חן — — — מיינט ניט אַז חיים מאיר פלעגט קומען סתם, אַוועקזעצן זיך מיט פאַרלייגטע הענט און רייבן די סעודה. חס וחלילה, חיים מאיר איז געווען אַן ערשט קלאַסי־קער סאַרווער, אָן זיין קאָמאַנדע האָט מען זיך ניט גערירט. ער פלעגט אויפשלעפּן אַלע טישן און בענק פון גאַנצן שטעטל און איר האָט גע־דאַרפט אָנקוקן דעם נפשל וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ יינגעלע אינ־דערמאַתן איז ער שוין געווען אַ ייד אַ באַיאָרטער, אויסגעדאַרט, הויט און ביינער, מיט אַ גלאַטן פּנים קיין סימן פון אַ באָרד, געהאַט אַ פּאָר נעבעכדיקע צעשראָקענע אויגן. אַ קול האָט ער געהאַט אַ דין קוויטש־קעדיקן, געגאַנגען שטענדיק אָנגעטאָן אין אַ רעקל אַריבער די קני, גרעסער פון זיין מאָס, און אַ פּאָר דאָמסקע שיך אויף הויכע אויסגע־קרימטע אָבצאַסן, און פלעגט לויפן ווי אַ שד סאַפּענדיק מיט דער נשמה, געווען אַ קראַנקער דעם גאַנצן לעבן, און נאָכן אויפשלעפּן די בענק און די טישן מיט די לעצטע כוחות, פלעגט ער פאַרלייגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, און צולייגן די האַנט צום האַרצן און אַרויסקרעכצן מיט אַ ביטער שמיי־כעלע אַי! ניטאָ קיין כוח, אַרויפצוקריכן אויף דער טהרה ברעט.

נאָך אַ מצווה האָט חיים מאיר געהאַט, גייענדיק פון דער חופה, פאַר־לויפן חתן כלה דעם וועג און איבערגעמען מיט אַ פולן עמער וואַסער ביים אַריינגאַנג אין שטוב ווו מ׳פלעגט זיי איבערנעמען, מיט אַ טאַץ גוטע זאַכן, פאַרענדיקנדיק מיט אַ ברכה, נאָט אייך לעקאָך, און נאָט אייך ווייך און קומט אין שטוב אַריין״, און באַלד פלעגן אָנהייבן פליען קופּערנע מטבעות אין עמער אוןביידע זיינען געווען צופרידן, חיים מאיר מיט די פּאָר גראָשן, און חתן כלה מיט די ברכות.

די גאַנצע וועלט האָט חיים מאיר חתונה געמאַכט, אַלעמען געפירט צו דער חופה, ביי אַלעמען געטאַנצט, געסאַרווערט, געפרייט זיך, און אַליין פאַרבליבן אָרעם עלנט און קראַנק דעם גאַנצן לעבן, האָט זיך נאָר געטרייסט מיט דעם, איך האָב חן. —

לייבקע חיים מאירס

געדופן האָט מען אים נאָך זיין עלטערן ברודער חיים מאיר, וועלכער איז געווען דער הפוך פון אים, פעסט געבויט, מיט אַ פאַרסמאַלעט רויט פּנים, באַוואַקסן מיט אַ קורצע בערשטלדיקע באָרד און אַראָפּגעלאָזענע וואָנסעס. די אויגן געהאַלטן באַגראָבן אין ד׳רערד, וואַרפנדיק אַמאָל אַ שטרענגן בליק אַרויף; אונטערן האַנט געהאַלטן פאַרקוועטשט אַ בייטש שטעקל אָן דעם זיך ניט געריררט פון אָרט, און אין מויל פאַרביסן אָן אַ זייט אַ דריי גאַרנדיקע ליולקע אויבן פאַרמאַכט מיט אַ בלישטשענדיק מעשן דעקעלע. וועגן דער ליולקע האָט ער געהאַט צו דערציילן דעם גאַנצן לעבן, געבראַכט האָט ער דאָס פון סלוזשבע פון טיף ראַסיי, ווו ער האָט ערלעך אָפּגעדינט דעם קיסר גאַנצע 4 יאָר בעת דער ערשטער וועלט מלחמה, און ביי יעדער געלעגנהייט ליב געהאַט צו דערציילן אין זיין פאַרגרעבטן לשון, און בעת מעשה פלעגן זיך ביי אים אָנצינדן די אויגן.

איך ברודערקע געווען אַ בראַווער סאָוועסנער סאָלדאַט, אָפּגעדינט ניקאָלאַיען פיר יאָר אין קאַניטשע, איך האָב געהאַט אַ בולאַנטשיק אַ קראַסאַוויצע אין דער וועלט.. אין מיין צייט איז געווען אַ באַי מיטן טייטש, און געגאַנגען מיט די פיקעס נאַשטיקי. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בולאַנטשיק, אַ גלעט געגעבן איבערן קעפל און דאַוואַי. ער האָט מיר אָנגעהויבן טראָגן „קאַק טשאָרט״. כ׳האָב פאַר זיך גאַרניט געזען, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און געקאָסעט מיט דער שאַשקע די סוואָלאַטשעס נאַ פּראַוואָ אי נאַ ליעוואָ, זיי זיינען ביי מיר געפאַלן קאַק סאַבאַקי, פאַר מיין כראַבראַשץ האָב איך געקראָגן יעפרייטער, מיר האָבן דאָן גענומען אין פּליען אַ סך סאָלדאַטן, און איינער פון זיי האָט מיר אַוועקגעשענקט אָט די פייקע אַלס פּאַמעטניק.

לייבקע חיים מאירס האָט געקענט אַזאַ שפּראַך וואָס קיין ייד אין שטעטל האָט ניט געוואוסט, ציגיינעריש. אַלס קינד האָבן אים די ציגיינער אַמאָל געכאַפּט שפּילנדיק זיך אין דרויסן צו זיך אין בודע און פאַרשלעפּט אין די וועלדער. דאָרט האָט ער זיך אויסגעהאָדעוועט צוזאַמען מיט זייערע קינדער און געכאַפּט זייער לשון. צוגעוווינט זיך צו זייער לעבנס שטייגער און מנהגים, אָבער אַ פונק פון יידישקייט האָט נאָך ביי אים געטליעט און אַמאָל דורכפאָרנדיק אין יאָרן אַרום דאָס שטעטל, האָט ער באַלד דערקענט די אַלטע היים און געמאַכט ויברח, האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון די ציגיינער און פאַרבליבן אין שטעטל. אַז ער איז אויסגעוואַקסן האָט אים דאָס שטעטל „אָפּגעגעבן״ פאַר אַ סאָלדאַט. אומקערנדיק זיך אַהיים האָט

ער שוין די עלטערן ניט געפונען און אַן עלנטער זיך אַרומגעדרייט, גע־
פילט זיך פרעמד צווישן די שטעטלדיקע יידן מיט זייער לעבנס שטייגער,
ס'האָט אים געצויגן ס'האַרץ צו די גויים, צו דער פרייער ברייטער נאַטור.

ער באַשליסט צו ווערן אַ פּאַסטוך אין שטעטל, און שפּעטער אין די אַרומיקע דערפער. גויים האָבן געשטאַלצירט מיט זייער יידישן פּאַסטוך. לייבקע האָט זיך געפילט כמלך בגדוד, געגאַנגען אָנגעטאָן אין לייוונטע בגדים, אין אַ שטרויענעם הוט ווי אַן עכטער פויער וואָס האָט געפּאַסט צו זיין פאַרברענטן פּנים, פאַרוואָרפן אויף זיך אַ לאַנגע טרובע און פאַרטאָג אַרויסלאָזן אַ תקיעה גדולה, און אויפוועקן אַלעמען פון שלאָף, אויפקלייבן די בהמות, אַ קנאַק טוענדיק מיטן לאַנגן בייטש און דערביי אַרויסלאָזן ווילדע קולות „ריבאַיאַ, ריזאַיאַ לאַבאַטאַיאַ. יעדע בהמה געקענט ביים נאָמען און איר יחוס. מיטן אָנקומען אָבער פון די ימים נוראים האָט אַ פּונק פון יידישקייט ביי אים זיך אָפּגערופן, ס'יידישע האַרץ אַ קלאַפּ געטאָן, דאָ האָט זיך לייבקע חיים מאירס געשיידט מיטן בייטש און די סטאַדע, מיטן דאָרף און די גויים און אפילו מיט זיין פאַרדינסט וואָס איז געגאַנגען לאבוד, און געקומען צו פליען אין שטעטל, אַרומגעבונדן אַרום זיך מיט בעזימער צו פאַרקויפן, פלעגט אָפּשטיין פאַרוקט אין אַ ווינקל פון בית המדרש מיט אַ גראָבן מחזור אין האַנט און דאַוונען מיט התמדה אויפהויבנדיק אַזעלכע גוואַלדן, אַז ער פלעגט אַלעמען איבערשרייען. זיך קלאַפּן על חטא מיטן גאַנצן כוח אין האַרצן. גאָרניט דער זעלבער לייבקע, אַ נייע נשמה איז אין אים אַריין. אין דאָרף צוריק האָט ער זיך שוין ניט אומגעקערט ביז נאָך פסח. דאָ האָט שוין אויף אים געוואַרט אַ נייע מלאכה וואָס קיין ייד אין שטעטל האָט זיך מיט דעם ניט פאַרנומען, פלעגט שינדן נבלות. האָט איר געדאַרפט אָנקוקן לייבקען זיצנדיק אין וואָגן אַרומגעבונדן פון אַלע זייטן מיט אַ צענדליק פערד וועלכע ער האָט באַגלייט אין זייער אייביקער רו. אַליין פאַרשוויצט מיט א פאַרדרייטן דאַשעק, דעם מעסער פאַרוקט אין כאָלעווע, און הינטערן שטעטל אַלעמען אַוועקגעלייגט און געבראַכט צו פירן זייערע פעל אויף צוריק. אויף געלט האָט ער ניט פאַרשטאַנען, האָט מען מיט אים געהאַנדלט אויף פּעקלעך מאַכאָרקע וועלכע ער פלעגט כסדר שטאָפּן אין זיין ליולקע און ניט אַרויסנעמען פון מויל, און דערפאַר שטענ־
דיק בלייבן אָפּגענאַרט און באַוועלט און געלעבט אין דחקות און נויט.

קוים דערוואַרט דעם נאָך פסח ווען דער שניי צעגייט און אַ גרינער גראָז הייבט אָן שפּראָצן, דאָ געזעגנט זיך שוין לייבקע מיטן שטעטל, און

קערט זיך אום צוריק אין דאָרף און ווערט אַ פּאַסטוך אַזוי יאָר איין יאָר אויס.

און הגם זייענדיק צוגעוואַקסן צום גואישן לעבנס־שטייגער, האָט אים אָבער דער טראַגישער יידישער גורל ניט אויסגעמיטן.

משפחה קינסטלער

אליקם דער שערער איז געווען דער פּאַגאַניני פון שטעטל. פון זיין שטוב האָבן זיך שטענדיק געטראָגן ביז שפּעט אין דער נאַכט טענער פון פידל־מוזיק מיט דער באַגלייטונג פון אַ פּיאַנע. ער איז אויך געווען דער איינציקער מוזיק־לערער. פון וואַנעט האָט ער, אליקום, שלום איטשע דעם שמש׳ס אַ זון צו דעם דערגרייכט האָט קיינער ניט געוואוסט צו דערציילן, מען האָט געזאָגט אַז אַלץ האָט ער דערוואָרבן פון אייגענע פייאיקייטן. צו וועלכן אינסטרומענט ער האָט זיך גענומען, האָט ער גע־שפּילט. יינגלווייז איז ער געווען אַ משורר ביי אַ חזן און געהאַט אויך אַ שיין קול צום זינגען, געפירט צו אַלע חתונה׳ס מיט זיינע באַהעלפער און געזונגען „מי יאדיר" אונטער דער חופּה. פון פאַך איז ער געווען אַ שערער און ביי אים האָט מען זיך געקענט אָפּשערן אפילו אום שבת, און די קונדשאַפט זיינע איז טאַקע געווען פון דעם מער לינק געשטימטן עולם. געהאַט אַ סך קאַפּריזן אין לעבן, ליב געהאַט צו דיסקוטירן מיט אַלעמען. אַלע אידייען און פּאַרטייען קריטיקירט, אין קיין זאַך ניט גע־גלויבט אַ חוץ אין זיין פידעלע, וועלכער ער האָט ממש פאַרגעטערט זיין זון ישראליק, האָט געירשנט זיין טאַטנס פייאיקייטן צו מוזיק, גע־ווען ממש אַ ווונדער־קינד. צו 7 יאָר האָט ער שוין געשפּילט אויף זיין קליין פידעלע וואָס דער טאַטע האָט אים געקויפט און פאַרווײַלט די געסט. אליקים האָט געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען און געווענדעט זיך צום פּוילישן פּרעזידענט וועגן געבן אַ סטיפּענדיע פאַר ישראליקן, זיך לערנען אין קאָנסערוואַטאָריום אויפן מלוכה׳שן חשבון, ניט האָבנדיק קיין אייגענע מיטלען. פאַרשטייט זיך, אַז אין יענע אַנטיסעמיטישע צייטן, איז זיין ביטע אָפּגעוואָרפן געוואָרן און שפּעטער מיטן אָנקומען פון די סאָוויעטן, האָט ער אָנגעהויבן וועגן דעם זיך מטפל צו זיין. און אָט איז די מלחמה אויסגעבראָכן און צונישט געמאַכט אַלע זיינע פּלענער, פאַרלאָרן געגאַנגען אַ קינסטלער, מיט וועמען מיר וואָלטן שטאָלצירט.

די בלוטיקע האַק האָט אַלץ פון וועג אָפּגעראָמט.

דאָבעלע בלאכער

געבאָרן געוואָרן אין אַ דאָרף, אויפן צווייטן זייט אָזערע, דער טאַטע איטשע דער זאַסווירער, וועלכער איז געווען אַ מטופל מיט אַ סך קינדער, ניט קיין פאַרמעגלעכער, האָט אָבער די קינדער זיינע געגעבן אַ גוטע דערציאונג. אַלע האָבן געלערנט אין שטעטל און אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן. די יינגסטע טאָכטער, דאָבעלע, קליין געוווקסיק, מיט אַ פּאָר טרויעריקע פאַרטראַכטע אויגן, האָט פון קינדוויז אָן אַרויסגעוויזן פייאיקייטן צו שרייבן, צוערשט אָנגעהויבן אין דער פוילישער שפּראַך, שפּעטער אַריבערגייענדיק לערנען אין שטעטל אָנגעהויבן שרייבן אין ייִדיש. האָט באַוויזן נאָך פון דער קינדהייט אָן איינזאַפּן די נויט פון איר אָרעמער היים, וואָס האָט געלייגט דעם סטעמפּל אויף איר יונגע, צאַרטע נשמה. אירע לידער זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט טיפן צער און אומעט, ניט געמאָלט האָט זי די אָזוי שיין צעבליטע נאַטור אין וועלכער זי איז אויסגעוואַקסן, און ווען אין אַ העלן פרימאָרגן האָט דער פריץ מיט אַזאַ אכזריותדיקייט אַרויסגעוואָרפן די גאַנצע משפחה אויפן מיטן גאַס מיט די בעבעכעס, האָט זי איר גאַנצן פּראָטעסט אויסגעדריקט שיל־דערנדיק עס אין אַ ליד. און אָט שטעלנדיק די ערשטע טריט אין לעבן, פּאַרמעסטנדיק זיך פליען אין דער ווייט, זיינען אירע פליגל דורך די רוצחישע הענט אָפּגעהאַקט געוואָרן. זיכער איז דאָ פאַרלאָרן געגאַנגען אַ טאַלאַנט, אַ באַגאַבטע דיכטערין וועלכע וואָלט באַרייכערט אונזער ליטעראַטור און אונז באַקאַנט געמאַכט אין דער וועלט.

הירשע ברוכס

הירשע ברוכס איז געווען אַ ייד אַ בעל גוף אינגאַנצן ווייס און באַוואָקסן, אַ לאַטוטניק און אַן אָרעמאַן זיין גאַנצן לעבן. פלעגט זיך אָפּט אַרומדרייען איבער די גאַסן אין אָפּגעטראָגענע מלבושים, אַ קול האָט הירשע ברוכ׳ס געהאַט אַ דונערדיקן, זיין אמן פלעגט זיך צעקייקלען און איבער־שרייען אַלעמען אין בית המדרש, זיצנדיק פאַרוקט ווייט הינטערן בימה אָנגעשפּאַרט צום אייוועלע.

הירשע ברוכ׳ס שטוב האָט געדינט אַלס הכנסת אורחים פאַר אָרעמע לייט פון העכערן שטאַנד וואָס ווילן זיך ניט וואַלגערן אין הקדש. פלעגט זיך אויך נוהג זיין דורכגיין מיט זיי דאָס שטעטל, און אָנהייבן שפּרייזן מיט זיינע לאַנגע פיס פון שטוב צו שטוב. ס׳איז געווען אַ רחמנות צוצו־

קוקן ווי דער אורח האַלט אין איין אונטערלויפן און צום סוף בלייבן הינטערשטעליק. ווער האָט זיך דאָס געקענט פאַרמעסטן מיט הירשע ברוכ׳ס אייזערנע פיס.

געווען צייטן ווען די באַן און אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציע איז נאָך ניט געווען אין מאָדע, האָט הירשע ברוכ׳ס געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם זין, האָט פאַרבונדן דאָס שטעטל מיט דער אויסערלעכער וועלט, האָט אויסגעפילט כלערליי שליחותן אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן געשעפט־לעכע, און פאַמיליען אָנגעלעגנהייטן.

איבערהויפּט האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט צושטעלן פאַרשריי־דענע באַבסקע רפואות און רעצעפּטן פון די באַוואוסטע קדרים. געווען אַזעלכע מחלות אין שטעטל וואָס קיין דאָקטאָר האָט ניט געהאָלפן באַר הירשע ברוכ׳ס תרופות. צום ביישפּיל אימיצער האָט געכאַפּט אַ ווינט און געמאַכט אַ קרומע מינע. אַ קינד האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר אַ שכורן גוי אָדער אַ הונט, אָדער איינעם האָט זיך סתם פאַרגלוסט אינמיטנדרינען און ווערט פריש משוגע. איז וואָס קען זיי העלפן אַוודאי אַ דאָקטאָר, האָט מען באַלד אייגגעשפּאַנט הירשע ברוכ׳ס פיס. ער האָט שוין געוואוסט גענוי דעם וועג צו יעדן קדר, צושפּרייזן צו זיי איז געווען פאַרבונדן מיט צענדליקער וויאָרסטן און געבראַכט פאַרשיידענע גראָזן און אָפּשפּרעכע־נישן אין וועלכע מ׳האָט געגלויבט.

ביז דער לעצטער צייט האָבן הירשע ברוכ׳ס פיס געדינט דעם כלל.

יוחמאַן דער גלעזער

גאָר אַמאָל דערציילט מען איז יוחמאַן געווען אַ פערד־הענדלער, אַזוי לאַנג געהאַנדלט, ביז ער איז געבליבן ביים בייטש, פון דאַן אָן זיך גענומען צו גלעזעריי, האָט אָפּגעגלאָזט דעם גאַנצן לעבן. געווען אַ קינסט־לער אין זיין פאַך, געקענט אויסשטוקעווען אַ פענסטער פון איינע קלי־נעס, און שפּעטער עס פאַרקיטעווען. אויך געשלעפּט זיך צופוס איבער די דערפער מיט אַ קעסטל גלאָז אַרומגעבונדן אַרום זיך און כשר פאַרדינט זיין ברויט. געהאַט אַ שיטער גראָ בערדל מיט אַ פּאָר שפּיציקע אויגן און פאַרגעלבטע וואָנסן, פון טאַבאַק שמעקן, געווען דער גרעסטער טאַבאַק־שמעקער אין שטעטל. ווי קונציק ער פלעגט אויסדרייען דעם גראָבן פינ־גער, און אַריינשיטן פון דער טאַבאַקערקע אַ שפּאָר ביסל טאַבאַק און אַריינציען עס כהרף עין אין ביידע נאָזלעכער. יום כיפור זיך נוהג זיין איבערלאָזן אָפן די פושקע שמעק טאַבאַק פאַר כל דכפין, שמעקט יידעלעך

וויפל אייער האַרץ גלוסט, און ווען מען עס פלעגט אַ צי טאָן אין האַרצן פון גאַנצן טאָג פאַסטן, פלעגן צוגיין צו אים אַ נעם טאָן צווישן די שפּיץ פינגער אַ שמעק טאַבאַק, און צוטראָגן עס צום נאָז, און באַלד אָנהייבן ניסן אָן אויפהער. יוחמאָן פלעגט אַרויסקוקן פון אונטער די ברילן וואָס זיינען אים געריטן אויפן שפּיץ נאָז און הנאה האָבן ווי מ׳ניסט פון זיין שמעק־טאַבאַק. יוחמאָן איז געווען אַ פריילעך לוסטיק יידל. ליב געהאַט אַרומקלייבן אַרום זיך קינדער און פראָווען מיט זיי קונצן, געבן אַ שפּרונג אַ טענצל אָן נאָך אים אַלע קינדער, און דערביי אויסרופן בקול רם ווער עס צעברעכט אַ שויב באַקומט אַ לאָך פון אַ בייגל. אויף דער עלטער זייענדיק שוין קרוב צו שמונים איז שוין יוחמאָן אַראָפּ פון דער אַרענע, און ניט געהאַט קיין כוח צו שפּאַצירן איבער די דערפער, אָבער אַ טענצל געבן האָט ער נאָך געקענט. ווי זיין שטייגער אין שול איבער־בלייבן דער לעצטער און צוריקגייענדיק אַהיים זיך אָפּשטעלן אָפּרוען אויפן באַרג און ווי זיין טבע ריידן צו זיך, נו, יוחמאָן שוין צוגעשטאַנען ווי אָן אַלטער פערד. ס׳הויבן זיך ניט די פיס? משמעות אַז מ׳טרעבעוועט שוין אַ הינצו — נו יוחמאָן גיב זיך ניט אונטער, ניין — און יוחמאָן וואָלט נאָך לאַנג געקראָכן אַרויף אויפן באַרג און געגעבן אַ טענצל ווען ניט די בעסטיאַלישע רוצחישע האַנט.

מנוחה די הויכע

מנוחה די הויכע איז געווען אַ שם דבר אין שטעטל, געווען הויך ווי עוג מלך הבשן. אַז מ׳האָט געדאַרפט צו איר ריידן, האָט מען געמוזט פאַרייסן דעם קאָפּ. אומעטום וווּ זי איז נאָר געשטאַנען, איז זי געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלעמען. אין דער ווייבערישער שול האָט מען איר באַלד דערקענט די ערשטע פונדערווייטנס, ווי זי שטייט און שאָקלט זיך אָנגעטאָן אין שוואַרצן. אין גאַס גייענדיק האָט מען איר דערזען אַזש פון צווייטן עק שטעטל, און אפילו אויפן מאַרק צווישן אַ געדיכטן המון גויים האָט מנוחה אַרויסגעשיינט איינגעוויקלט אין אַ פאַטשיילע. סתם פון פאַרגעניגן ווען האָט זיך מנוחה די הויכע ניט געדרייט צווישן די גויים. זי איז געווען אַ הענדלערקע. די צרות האָבן איר געמאַכט נאָכדעם ווי איר מאַן דוד דער סטאָלער איז אָפּגעשטאָרבן און געבליבן אַ וויסטע אָרעמע אלמנה עלנט ווי אַ שטיין, קיין קינדער ניט געהאַט, איז וואָס טוט מען מ׳קען דאָך די נשמה ניט אויסשפּייען, האָט זי זיך גענומען צום האַנדל, און פון דעם איינציקן מאַרק טאָג האָט זי געשעפּט חיונה אַ גאַנצע וואָך,

און די איבעריקע טעג פון דער וואָך האָט זי געקליבן מצוות גיין אויפ־קלייבן פאַר אָרעמע לייט אין שטעטל.

איינע פון די גרעסטע מצוות אויף וואָס זי האָט שוין געהאַט אַ חזקה איז געווען אַנזאָגן אין שטעטל, ווען ס׳פלעגט קומען אַ קנעפּל, אימיצער פון דער נאַטשאַלסטוואָ פון דער פּאָוויאַטאָווער שטאָט. בעיקר האָט מען געציטערט אימת מות פאַר אַ סעקוועסטראַטאָר, וועלכער איז געקומען איינמאָנען שטייערן, און אַלעמאָל פלעגט זיך מנוחה די הויכע דערוויסן די ערשטע, מחמת זי האָט געוווינט אונטער איין דאַך ווו ס׳פלעגן פאַר־פאָרן אַלע שרהרה׳ס, און איז געלאָפן באַלד אַנזאָגן אין שטעטל, האָט עס געמעגט זיין שפּעט אינדערנאַכט. שטיל פלעגט זי אָן עפן טאָן די טיר אויף פריער זיך אָרומקוקן צי אַ פרעמדער איז ניטאָ אין שטוב, און דער־נאָך אַרויסשעפּטשען מיט אַ בלאַס צעשראָקן פּנים ער איז דאָ! און באַלד נעלם ווערן, אַנזאָגן אַנדערע די בשורה. זי האָט שוין געוואוסט אירע קונדן אויף אויסנווייניק און יעדער האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט און ס׳פלעגט ווערן אַ בהלה אין שטעטל, אַ לויפעריי און שלע־פעריי. יידן אביונים, וועלכע זיינען געווען פאַרטונקט איבערן קאָפּ אין חובות פאַר פּאַדאַטקעס, און האָבן שוין ניט געהאַט מיט וואָס צו באַ־צאָלן, האָבן אָנגעהויבן אויסראַמען דאָס ביסל אָרעמקייט פון שטוב, ס׳בעטגעוואַנט און צעבראַכענע מעבל און איבערטראָגן עס צו אַ שכן מ׳זאָל עס ניט ליציטירן און צונעמען. יידן, אַ ביסל תקיפערע האָבן גע־נומען ליידיקער מאַכן די פּאָליצעס און באַהאַלטן די „טריפה" סחורה, און סתם יידן פון אַ גאַנץ יאָר וועלכע האָבן געהאַנדלט אָן פּאַטענטן האָבן שוין דעם טאָג (קומען פלעגט ער אַממיינסטן אין אַ מאַרק־טאָג) ניט געטאָרט זיך באַווייזן אין גאַס, און אַלע האָבן געדאַנקט מנוחה די הויכע.

נאָך אַ מצוה האָט מנוחה די הויכע אָפּגעהיט, אַז זי פלעגט נאָר דער־זען פונדערווייטן אַז ס׳גייט אַ סאַניטאַרע־קאָמיסיע פלעגט זי באַלד אַ שפּרייז טאָן מיט אירע לאַנגע פיס און אָנזאָגן אין שטעטל. געוווינט האָט זי אַליין אויף יורזיקע און שטענדיק פלעגט די קאָמיסיע אַרויסגיין פון דאָרט. געגנוג געווען אין שטעטל אַז מ׳זאָל דערזען איינעם אַרויס־גייענדיק מיט אַ בעזים און אָנהייבן קערן די גאַס, איז שוין באַלד געוואָרן אַ געלאַף פון אַלע הייזער, וואָס אַ קאָמיסיע גייט און באַלד איז שוין די גאַנצע גאַס פול געוואָרן פון מענטשן מיט בעזימער אין די הענט, און אַ געדיכטער וואָלקן רויך פלעגט זיך אויפהויבן איבערן שטעטל.

די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון גאַנצע דריי גוים, די גלאָוונע קנעפּ־

לעך פון שטעטל, איינער מער אָנגעפּרעסן פון צווייטן. דער ערשטער איז געווען דער וואַיט, אַן אייגענער גוי, דער צווייטער, דער פּאָליציי־קאָמענ־דאַנט, שטענדיק מיט אַ רויט פאַרשכורט פּנים. דער דריטער, אָט דאָ איז שוין געווען אַ ביסל ערגער, איז געווען דער קאַזיאָנער דאָקטאָר. געהאַט אַ גלאַטן קאָפּ, מיט אַ ברייט צעגאָסענעם נאַרישן שמייכל, גייענ־דיק געשטופּט פאַרויס דעם בויך און נאָכדעם זיך און דער אַ דאָקטאָר איז שטענדיק געפלויגן דער ערשטער, האָט פאַרמאָגט אַ געפערלעכן חוש הריח, און פלעגט אַלעמאָל דערשמעקן וואו יידן האָבן אויסגעקערט דעם שבתדיקן טשאָלנט און די פּאָמוניצעס, און וואו ס׳קלייבט זיך אַ באַרג מיט מיסט. און קיין סך ניט טראַכטנדיק געשריבן און יידן האָבן געצאָלט קנס.

מענדל דער הויכער

מענדל איז געווען אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד. געווען אַ בעל־עגלה דעם גאַנצן לעבן, געשלעפּט זיך מיט זיין שקאַפּע אַ גאַנצע וואָך קיין ווילנע. אין יענע צייטן, ווען קיין שאָסייען זיינען נאָך ניט געווען פלעגט מענדל דער הויכער זיך אַרויסקלייבן שבת צו־נאַכט נאָך הבדלה און קוים אָנשפּאַרן אויף צוריק צו ליכט־בענטשן אהיים. מען האָט דערציילט אויף אים אַז גייענדיק אָנהאַלטנדיק זיך ביים וואָגן פלעגט ער אויך כאַפּן אַ דרעמל, האָט אויך געדינט אַלס פּאָסט־פאַרמיטלער, פלעגט פאַרטיילן בריוו איןביידע ריכטונגען, געפירט אויך לעבעדיקע סחורה, די דעמאָלסדיקע שטודירנדיקע יוגנט און סתם פּאַסאַ־זשירן.

אויף די עלטערע יאָרן איז שוין מענדל דער הויכער אַראָפּ פון דער אַרענע, זיין שוואַרצע באָרד איז שוין גראָ געוואָרן. די הויכע, ברייטע פּלייצעס אַביסל זיך איינגעבויגן, פלעגט אָפּזיצן אין שול אַרום אויוון און קלאַפּן דעם תהילים.

ס׳זיינען שוין נייע בעלי עגלות אויפגעשטאַנען און אַ יאַזדע קיין ווילנע און צוריק האָט שוין געדויערט ניט מער ווי דריי טעג. געשטאָרבן אין טיפן עלטער לאַנג פאַר דער מלחמה.

מענדל דער קליינער

מען האָט אים אויך גערופן מענדל דער טשאַרנעלוזער, לויטן נאָמען פון זיין דאָרף וואו ער איז געבאָרן געוואָרן און זייענדיק אַמאָל אין אַ גוטער

שטימונג פלעגט ער זיך דערמאָנען די גוטע צייטן פון זיין גאָלדענע קינד־הייט אין טשאַרנע־לוזע, ווען ער פלעגט עסן לאָקשן אויף בלויזע מילך...

אַליין איז ער געווען אַ נידעריקער מיט אַ גרויסן קאָפּ איינגעוואָקסן אין די פּלייצעס, אַ פּאָר גראָבע וואָנסן און קורצע באָרד. זיין קאַריערע אין שטעטל האָט ער אָנגעהויבן אַלס מלמד, שפּעטער אַז די חדרים האָבן זיך צוגעמאַכט האָט מען אים געמאַכט פאַר אַן אונטער־שמש, געהייצט די אייוועלעך, אָנגעצונדן די לאָמפּן און געקלאַפּט אין שול אַריין ערב שבת, און כשר פאַרדינט זיין ברויט. מיט דער צייט האָט ער זיך דער־וואָרבן נייע מצוות און פּרנסות: וועקן צו סליחות, פּסח כשרן די כלים און סוכות טראָגן דעם אתרוג בענטשן אין די הייזער, און נאָך אַלעמען איז ער געווען אַ קברן אין חברה קדישא. מ׳דערציילט, אַז ס׳פלעגט אַמאָל נפטר ווערן אַ רייכער ייד האָט מענדל אָנגעזאָגט זיין ווייב, עטל, היינט איז דאָ אַ העכט, און טאָמער אַ געמיינער ייד, פלעגט ער זאָגן, היינט איז דאָ אַ פּלאָטקע. די לעצטע יאָרן איז ער געווען דער שליח פון פּאָלקס־באַנק און גמילות חסד, הכלל אַן מענדלען האָט זיך דאָס שטעטל ניט געקאָנט קיין עצה געבן, אומעטום איז ער געווען פאַרמישט, פלעגט זיך שטענדיק אַרומדרייען אַן אָנגעכמורעטער, ווינטער אין אַ פוטערנע היטל, אַרומגעדרייט מיט אַ קאַלירטע קאָלדרע, אַז מען האָט אים קוים אַרויס־געזען, האַלטנדיק איין הענטשקע פאַר די שפּיץ פינגער. אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, און מעסטן די גאַסן אין זיינע שליחותן. אַליין האָט ער געווינט אין הקדש און קיין גרויסע קאַפּיטאַלן פון זיינע אַלע פּרנסות ניט אָנ־געזאַמלט.

אברהם איטשע דער געלער

געהייסן האָט ער אברהם איטשע דער געלער, געגוג געווען אַז מ׳זאָל אַ זאָג טאָן דער געלער, האָט מען שוין געוווסט ווער דאָס איז. אפשר מיינט איר אַז ער איז געווען אַ בן יחיד אין שטעטל, ניין — געווען נאָך אַזעלכע פון זעלבן קאַליר, אָבער זיין געלקייט האָט עפּעס געהאַט אַן אַנדער טעם, פאַרטראָגן ממש אויף גאָלד, ווו איז אים ניט אַריינגעקראָכן די געלקייט, אין נאָז, אין די אויגן, (וועגן באָרד און פּאות איז דאָך אָפּגערעדט) אפילו די מינע זיינע איז אויך געווען אַ געלע, און ועל כולם זיינען נאָך די נעגל פון די פינגער געווען ביי אים ווי מיט אַ געלן וואַקס אָפּגעשמירט, אָבער זייט ניט חושד אברהם איטשען דעם געלן אַז ער האָט זיי ספּעציעל אויסגעפּוצט ווי די היינט־וועלטיקע — חס

וחלילה, ער האָט דאָס צו פֿאַרדאַנקען זיין מלאכה, צו וועלכע ער האָט זיך גענומען די לעצטע יאָרן. וועלכע מלאכה האָט שוין אברהם איטשע ניט איבערגעטאָן אין זיין לעבן, אין שטעטל האָט מען געלאַכט וויפֿל קינדער אַזוי פֿיל מלאכות. און אויב איך האָב קיין טעות ניט איז ער דערגאַנגען צו אַן אייגענעם מניין. ווילט איר דאָך פֿאַרט וויסן פֿון וועלכע מלאכה קריגט מען אָפּגעלאַקירטע נעגל, טאָ הערט אויס, אברהם איטשע דער געלער האָט זיך גענומען די לעצטע יאָרן צו גאַרבעריי, שרעקט זיך ניט איבער, קיין פֿאַבריק מיט הויכע קוימענס האָט ער ניט אויפֿגעשטעלט, ער האָט גענומען אַ הילצערנעם צעבער פֿאַרווייקט דאָרט אַ פֿעל אין וואַפּנע און צוגעמאַכט. און ווייטער זעט איר איז שוין אַ סוד, וואָס ער האָט שפּעטער געטאָן און ווען ער האָט אַרויסגענומען האָט קיין פֿויגל ניט געוווּסט. מ׳האָט נאָר געזען ווי אברהם איטשע דער געלער, שטייט פֿאַרקאַשערט די הויזן און דרייט זיך צוזאַמען מיטן ווייב, פּונקט ווי אַמאָל צו דער חופּה, אַזוי לאַנג געדרייט זיך, ביז ס׳האָט זיך אַרויסגעדרייט אַ פֿעל ווייס ווי מילך און ערשט דאַן האָט זיך אברהם איטשע במחילה איך בעט איבער אייער כבוד, זיך אויסגעצויגן אויף אַלע פֿיר און אויסגעשמירט מיט די הענט מיט אַ געדיכטן ברוינעם דזשעגעכץ, און איצטער ווייסט איר שוין דעם סוד פֿון זיינע לאַקירטע נעגל, וואָס אפֿילו ערב יום־טוב אין מרחץ האָבן זיי זיך ניט אָפּגעוואַשן, און אַ גאַנץ יאָר האָט זיך געטראָגן פֿון אים אַ שאַרפֿער ריח.

אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן ריידן, אַז פֿון דער פֿאַבריקאַציע זיינער איז אברהם איטשע דער געלער געוואָרן אַ נגיד, והראיה, באַלד האָט זיך זיין כאַלופּע אָנגעפּאַנגען הייבן, אַרויסגעוואָרפֿן די אַלטע בע־רעוונעס און נייע אונטערגעלייגט. זיין כאַטע האָט געהאַט אַ שם אין שטעטל, איבערגעבליבן נאָך פֿון פֿאַר די ערשטע שריפֿה אָן, איז זי טאָקע געלעגן איינגעזונקען אין ד׳ערד, און ציגן האָבן פֿריי געשפּאַצירט אויפֿן דאַך, און געגריזשעט דעם אָנגעוואַקסענעם מאָך, חזרים לויפֿנדיק אין פֿעלד אויף פּאַשע האָבן אַריינגעקוקט אין פֿענסטער און אָפּגעגעבן גוט מאָרגן...

אברהם איטשע איז בטבע געווען אַ ייד אַ בייזער און אַ האַנעראָוועך. מ׳דערציילט, אַז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַ גרויסער טייל פֿון שטעטל האָט צוגעהונגערט, האָט מען יעדן ערב פּסח געטיילט מצות די נויט באַדערפֿטיקע, אברהם איטשע איז ניט געגאַנגען בעטן, און אַז שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ביי אברהם איטשען דעם געלן אין

שטוב עסט מען חמץ אַ גאַנצן יום־טוב, האָט אים דער רב פאַרופן צו זיך און אָנגעמוסרט, ס'טייטש ר' אברהם איטשע, פאַרוואָס האָט איר עס פון אונז פאַרלייקנט, איר לעבט דאָך צווישן יידן. ר' אברהם איטשע האָט געדולדיק אויסגעהערט דעם רבס מוסר און געענטפערט שטאָלץ באַלד אויפן אָרט, רבי וואָס איז די נפקא מינא אָנשטאָט צו מאַכן אַ ברכה על אכילת מצה, האָב איך געמאַכט על אכילת באַנדע. און מוחל טובות...

די לעצטע יאָרן האָט מען אין שטעטל גערעדט פון אברהם איטשע דעם געלנס צוואה, שרעקט זיך נישט איבער, ער איז נאָך געווען אַ גאַנץ קרעפטיקער ייד ביי די כוחות, נאָכדעם ווי ער האָט שוין אויסגעגעבן אַלע זיינע קינדער און איבערגעבליבן ביים מוזיניק וועלכער איז שוין אויך געשטאַנען אין שדוכים, האָט ער איינמאָל זייענדיק גוט געשטימט זיך צוגעזעצט לעם אים אַרויפגעלייגט די געלע באַוואַקסענע האַנט אויפן אַקסל און געלערנט מיט אים אַ פּרק חיי אדם, הער זיך צו הירשקע מיין זון איידער דו גייסט אויסקלייבן דיין באַשערטע זאָלסטו וויסן וואָס דו האָסט צו טאָן. ראשית כל זאָלסטו זיך ניט קוואָפּענען אויף געלט, דאָס איז מיין קינד, פּליוואָט, דער עיקר איז די אַסאַבע, און געדיינק מיין זון וואָס איך רישעווע דיר אָפּ. נעם אַ ווייב אַ קורצסיפּיקע מיט אַ געזונטן אַסיאַד, ניט קיין אַלטע דרינדע, און ניט קיין שמאָלע דודע און אַז זי וועט זיך דאַרפן אַרויסקוועטשן אַ קינד, זאָל זי זיך ניט דאַרפן שלעפּן מיט יחיאל דעם האַדוצשיקער קיין ווילנע.

לאַנג, לאַנג האָט זיין זון הירשקע זיך ניט געקענט צוקלייבן זיין באַשערטע, משמעות געבליבן געטריי דעם טאַטנס צוואה.

לאה-רייזל

געווען אַ פּשוטע אַרבעטסזאָמע יידענע, אַ זאָקן־שטריקערקע, געוווינט האָט זי אין אַ שמאָלע פאַרוקט געסעלע. אין איר קליין שטיבעלע האָט קיינמאָל די זון אַריינגעשיינט צוליב די אַריינגעשטעלטע זאָקן מאַשין וועלכע האָט פאַרשטעלט אַלע פענסטער. איר מאַן דוד עליע איז געשטאָרבן פון הונגער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. ביים לעבן געווען אַ דאַרפסגייער און ווי ס'ווייזט אויס ניט געווען קיין גרויסער פאַרדינער. האָט געקלונגען אין שטעטל איר ווערטל אויסגיסנדיק איר האַרץ אויף איר ביטערן גורל, זייענדיק דאַן פאַטיש געשטימט, לבנה, לבנה, ווען דו וואָלסט געהאַט מיין דור עלן פאַר אַ מאַן וואָלסטו ניט אַזוי געשיינט...

זומער ווען די אַרבעט איז שוואַכער האָט לאה רייזל געהאַנדלט מיט אויבס. דער בעסטער מאַרק־טאָג איז געווען פאַר איר שבת, ווען די יונגע חברה שפּאַצירן אַוועק נאָכן טשאָלנט מיט די מיידלעך אין וואַלד. אָבער וואָס טוט לאה רייזל, קיין געלט טאָר מען דאָך ניט נעמען אום שבת און שרייבן אויך ניט, איז זי געפאַלן אויף אַ המצאה. האָט זיך אָנגעגרייט שטעקעלעך מכל המינים, און האָט זיך געמאַכט אירע סימנים, ווער עס איז אַ גלאָז פּאַרעטשקעס, אגרעסן, קאַרשן און עפּל. און נאָך די אויסגע־לייגטע שטעקעלעך געוווּסט וויפל זי האָט פאַרקויפט, אָבער שפּעטער געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און געדרייט מיטן קאָפּ ווער זיינען געווען אירע קונדן און ביסלעכווייז זיך אַלעמען דערמאָנען.

לאה רייזל פלעגט זיך די ערשטע דערוויסן די נייעס פון שטעטל, און איר מצווה איז געווען אָנזאָגן עמיצן אַ שמחה.

אלי דער סירמיסער

געטראָגן דעם נאָמען פון דאָרף וואו ער איז געבאָרן געוואָרן. אלי איז געווען אַ פּאָפּולערע פּערזענלעכקייט אין שטעטל, אַלע האָבן ליב געהאַט מיט אים צו פאַרברענגען. מען דערציילט, אַז קליינערהייט איז ער קראַנק געווען און פון דאַן איז ער פאַרבליבן ביי זיין קינדערשן שכל, הגם אויסגעוואַקסן איז ער הויך מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס. נאָר זיין זכרון האָט אים ניט געדינט. האָט מען אים אַמאָל געשיקט אין אַ שליחות פלעגט ער לויפן מיט זיין משונהדיקן הילוך פאַנאַנדערגעשפּילעטע פּאָלעס, פאַרדרייטן דאַשעק און תמעוואַטן, שמייכלענדיקן פּנים און חזרן דעם גאַנצן וועג: „די מאַמע האָט געבעטן אַנטלייען די ברויט דיישקע". פלעגן חברה אים אָפּט אָפּטאָן אַ שפּיצל און שטעלן אַ פראַגע אינמיטן, האָט ער שוין פאַרגעסן נאָך וואָס ער גייט און געלאָפן אויף צוריק פונדאַסניי פרעגן, און דערביי מאַכן געוואַלדן אין הימל אַריין.

בדרך כלל איז אלי באַשאָנקען געווען מיט גוטע אייגנשאַפטן און מידות, ברייטהאַרציקייט און גוטסקייט אָן אַ שיעור, יעדן חולה אין שטעטל קומען מבקר חולה זיין. אויף אַ לויה זיין דער ערשטער און וויינען אויפן קול. צוזאַמען מיט דער משפּחה, שטריינג אָפּגעהיט די מצוה פון דאַווענען אין אַ מנין נאָך אַ געשטאָרבענעם, אויך ליב געהאַט זיך צו קרובלען מיט זיין משפּחה און יעדן שבת זיי באַזוכן מיט אַ הויכן גוט שבת. פון דער נאַטור געווען אַ רואיקער איבערגעגעבענער מיט לייב און לעבן זיין משפּחה און פריינט.

צמח

צמח דער שמיד, אַזוי האָט מען אים גערופן, ערשטנס ווייל ער איז טאַקע געווען אַ שמיד, והשנית איז ער געווען א בן יחיד אין שטעטל אייך צמח, אַ טייערע זאַך, און דערצו נאָך איז ער געווען אַן אָנגעקומענער אײדים, און קײנער האָט ניט געוואוסט זײַן יחוס... און ניט ווי די אָרטיקע געבאָרענע וואָס נאָך יעדן האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ לאַנגער יחוס בריוו פון וויפל דורות, אָט אַ שטייגער ווי יאָסל הענעך מאיר פּיוווישעס, אָדער הענקע חיים לײבע קאָפּלס און אַנדערע. הגם געווען ביי אונדז אײדימלעך פון ניט הי וואָס באַלד אויף מאָרגן האָט מען זיי שוין געקרוינט מיט אַ צונאָמען דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלן מזל, איינעם צום בייש־פּיל האָט מען גערופן טויזנט הינער (זיין אמתן נאָמען ווייס נאָך קיינער עד היום ניט) מיינט ניט סתם טראַכט מען ניט אויס קיין בלבול אויף אַ מענטשן. געווען איז אַזאַ מעשה געשטאַמט האָט ער אַליין פון אַ גרויסן כרך און חברה האָבן באַלד דערטאַפּט אַז דער יונגערמאַן איז אַ ביסל ניט דערבאַקן. טרעפט אַמאָל זיצנדיק אין ווילנע ביי איטשע דעם סוויר׳ער אויף דער אכסניה איז איינעם איינגעפאַלן דערציילן אין זיין אָנוועזנהייט, אַז מיישקע אליקים דעם שוואַרצנס טרייבט טויזנט הינער פון סוויר, קיין ווילנע. דער יונגערמאַן איז פון גרויס התפעלות באַלד אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך ניט געפוילט אָפּשטיין שעהנלאַנג ביים פענסטער אָפּוואַרטן ווי מ׳טרייבט די טויזנט הינער. פאַרשטייט זיך אַז ער האָט זיך ניט דער־וואַרט...

אַ צווייטן אײדים האָט מען גערופן „פאַרטשעפּער". פון וואָס האָט זיך עס אָנגעהויבן. קומענדיק די ערשטע טעג אין שטעטל גיט אים אַ פרעג זיינער אַ באַקאַנטער, יאַנקל, ווי קומסטו אַהער? איר ווייסט גאַרניט, איך האָב זיך דאָ פאַרטשעפּעט מיט אַ מיידל. באַלד איז דער נאָמען פאַר־שפּרייט געוואָרן איבערן שטעטל, און אַלע פּה אחד דער פאַרטשעפּער. דוכט זיך אַ ביסל אַראָפּ פון דרך!

צמח איז געווען פון מיטעלן וואוקס, פעסט געבויט מיט אַ פאָר גרויסע אויגן. און שטענדיק אַ ביסל אונטערגעשמירט אונטערר דער נאָז. אַ קול האָט ער פאַרמאָגט אַ הילכיקן ווי ער וואָלט אַררויסגערעדט פון אַ פוסטער פאַס. גאַנץ שטעטל האָט הנאה געהאַט וואָס זיין ווייבל אַן אָרעמע יתומה האָט געטאָן אַ לייטישן שידוך. ס׳מאַכט זיך נישט צו ביי אים די קוזשניע, פון פאַרטאָג ביז שפּעט אינדערנאַכט הערט ער נישט אויף צו קלאַפּן ער שמידט דאָך ממש גאָלד... און אַזוי וואָלט צמח אָפּגעקלאַפּט

זיינע יאָרן, קיינער וואָלט אים ניט באַרעדט, און ניט געלעגן ביי יעדן אין מויל, ווען ס'לויפט ניט דורך אַ שוואַרצע קאַץ אינמיטנדרינען, ס'טייטש, אַזוי גראָב ענטפערן, און נאָך ווען דעם רב בכבודו בעצמו ווי זיינס גלייכן.

און אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ נאַרישע שאלה וואָס ער איז גע־גאַנגען פרעגן ביים רב און וועד האָט אים דערצו געשטופּט אויב נישט די וויב, אַי די ווייבער, די ווייבער, זיי ברייננגען אַלע צרות אויף דער וועלט. האָט ער נאָכדעם געטענהט, געווען איז עס ערב פּסח און זיין פלונית'טע האָט זיך דערמאָנט אַז ס'שטייט נאָך אַ פלעשל פאַרשאָטענע יאַגדעס ניט געריירט. האָט זי זיך איינגעגעסן אין צמחן ער זאָל גיין פרעגן אַ שאלה ביים רב, צי מ'מעג עס ניצן אויף פּסח. כ'ווייס אַליין איז זי פאַרטאָן איבערן קאָפּ מיט אַרבעט. ס'איז דאָך עפּעס אַן ערב יום־טוב.

צמח האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט שמידן אַ פּאָר פיס, איז ווי ער שטייט אַזוי אינגאַנצן אַ פאַרסאַזשעטער אָוועקגעשלעפּט זיך מיט די קרומע פיס און בלאָטיקע שטיוול, טיאַפּ, טיאַפּ, גלייך צום רב. צוקומענדיק צום רב"ס שטוב, האָט אים ס'האַרץ אָנגעהויבן צו קלאַפּן דעם ערשטן מאָל אין לעבן גייט ער צום רב. קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געהאַט קיין דין תורה'ס, מיט קיינעם ניט איבערגערעדט זיך, אָט זאָל בעסער זיינע איבערגיין. ער האָט ניט געפילט ווי ער האָלט שוין די קליאַמקע, און די טיר האָט זיך אַן עפן געטאָן ער איז געבליבן שטיין ווי אַ צעטומלטער ביים שוועל, דאָרטן אין צווייטן חדר איז געזעסן דער רב אין אַ לאַנגן טלית־קטן מיט אַ זיידענע יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, און שאָקלט זיך איבער אַ גרויסע גמרא וואָס פאַרנעמט אַ האַלבן טיש, אונטערברומענדיק אַ האַרציקן ניגון, וואָס צעגיסט זיך איבער דער גאַנצער שטוב, גלעט מיט דער האַנט איבערן הויכן גלאַנציקן שטערן, און כאַפּט זיך באַלד קעמען מיט די פינגער די לאַנגע פעך שוואַרצע באָרד, ממש די שכינה רוט אויף זיין ליכטיקן ראָזלעך פּנים. אַזוי געשטאַנען עטלעכע מינוט צוגעשמידט צום אָרט, ביז דער רב האָט אים באַמערקט פונדערווייטן און געהייסן אים אַריינרופן. ווי קומט עפּעס אַהער צמח אַ פאַרבלאָטיקטער מיט אַ פאַרסאַזשעטן פּנים. צמח האָט זיך צוגערוקט מיט לאַנגזאַמע געמאָסטענע טריט. זעץ זיך צמח, ווענדעט זיך דער רב צו אים אויף דו, וואָס ווסטו זאָגן. און צמח הויבט אָן מיט אַ ציטערדיקע שטים שטאַמלענדיק דערביי דערציילן אַ מעשה מיט אַ פלעשל פאַרשאָטענע שוואַרצע יאַגדעס וואָס מ'האָט נאָך ניט אָנגערירט, צי קען מען עס נוצן אויף פּסח. דער רב קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין

און מעלקט די באָרד, און אַז צמח האָט געענדיקט האָט ער לייכטער אָפּ־געאָטעמט, אַ קאַלטער שווייס האָט אים אָפּגעגאָסן, שוין לייכטער אָפּשמידן אַ פּאָר פּיס. האָט ער ביי זיך געטראַכט. דער רב האָט זיך באַלד אויפ־געהויבן פון אָרט געשטעלט זיך אויף אַ קליין לייטערל, די ציצית זיינען אים נאָכגעהאַנגען, די בלוט איז אים אַריין אין פּנים קלעטערנדיק אינ־דער הויך, אַראָפּגענומען אַ גרויסן ספר פון פּאָליצע פריער גוט אויס־געקלאַפּט דעם שטויב, און צוגעזעצט זיך אויפן זעלבן אָרט סאָפּענדיק שווער אָנגעהויבן מישן די בלעטער, אויף צמחן האָט עס געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, פאַרשטייט זיך אין די שוואַרצע פינטעלעך, האָט אַן אָפענעם מוח, האָט אַלע דינים און שאלות אין קאָפּ, און ער וואָס קען ער, קוים עברי זיך אויסגעלערנט און אַ בריוול אָנשרייבן, וואָס איז דער חידוש, אַז צו צוועלף יאָר איז דער טאַטע אָפּגעשטאָרבן און די מאַמע האָט אים באַלד אָוועקגעגעבן זיך לערנען פאַר אַ בעל־מלאכה, ער האָט ניט געפילט ווי דער רב האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר טיפע פאַרטראַכטע אויגן און גלייך זיך געווענדעט צו אים. זאָג מיר צמח, אפשר ווייסטו צי דעם צוקער צום פאַרשיטן האָט מען גענומען פון אַ נייעם זאַק אָדער פון אַן אָנגעהויבענעם.

פון אַן אָנגעהויבענעם — האָט ער באַלד אויפן אָרט געענטפערט.

איצטער וויל איך דיר פרעגן נאָך אַשאלה, צי האָט איר געהאַלטן אין זינעןביים פאַרשיטן, אַז איר וועט עס נוצן אויף פּסח?

דאָ האָט זיך צמח אַ ווייל פאַרטראַכט, דעם רב דאַרף מען זאָגן דעם ריינעם אמת.

ניין רבי, ניט געהאַלטן אין זינען.

אויב אַזוי, צמח, זיי וויסן, האָט דער רבי אויסגעצויגן די ווערטער מיט אַ גמרא־ניגון, טאָרט איר ניט ניצן די פלאַש מיט די יאַגדעס און איר דאַרפט פאַרקויפן אין חמץ.

צמח איז געבליבן אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט. די קדושה פון אַרום האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעטאָן, דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים, אַן אינערלעכער פּראָטעסט האָט זיך ביי אים אויפגעוועקט און האָט אויסגעשריגן ווי ניט מיט זיין קול:

רבי אויב אָבער דער בויך וועט מיר ווייטאָן, וועל איך שוין ביי אייך ניט קומען פרעגן.... און האַסטיק אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר שנעל שפּאַנענדיק אַהיים.

זכרונות פון דער אַלטער היים

מיין נאָמען איז סענדער לאַבאַנאַרסקי, שטאַם פון סוויר, אַ זון פון חיים מאַטע דער קירזשנער. אונזער משפחה האָט געציילט 8 נפשות אַ חוץ די עלטערן 5 ברידער און איין שוועסטער. איך בין געבאָרן געוואָרן דער צווייטער ביי טאַטע מאַמע. מיין אינטימסטער חבר איז געווען טעווקע חיים דעם פוציליכערס זון. ער, חיים, פלעגט אַרומפאָרן איבער די דער־פער און בדוחק מפרנס זיין זיין גרויסע משפחה. שפּעטער האָבן עטלעכע קינדער זיינע עמיגרירט קיין אַרגענטינע, די עלטסטע טאָכטער זיינע, חיה פייגל, וועלכע מיר וועלן דערמאָנען שפּעטער, האָט געאַרבעט אין ווילנע אַלס שניידערין. איך און מיינע חברים פלעגן זיך צונויפקומען אין וואַלד אָדער אין אַ שטוב, און לייענען צוזאַמען אַ בוך אָדער אַ צייטונג, וואָס האָט פאַר אונז געעפנט ברייטער די האָריזאָנטן פון דעם לעבן אין דעם קליינעם שטעטל און אויפגעדעקט נייע וועלטן. שפּעטער אָבער אַז חיה־פייגל דעם פוציליכערס טאָכטער האָט זיך אומגעקערט פון ווילנע, איז אַדאַנק איר השפעה דער קרייז ברייטער זיך צעוואַקסן. זי האָט פאַרכאַפּט די יוגנט מיט אירע שילדערונגען פון דעם ברויזנדן לעבן איז דער גרויסער שטאָט, וועגן דעם אויפקום פון אַ יידישע אַר־בעטער־באַוועגונג „בונד” און זיין קאַמף פאַר אַ בעסערן, שענערן מאָרגן, און אַ נייע סאָציאַלע געזעלשאַפט. דער טרעף־פונקט איז געווען ביי שמעון דעם כאַצילקער אין שטוב, וווּ חיה־פייגל פלעגט פאַר אונז פאַרלייענען פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור אין יענער צייט.

אונדזער פּאָפּולאַריטעט אין שטעטל איז געוואַקסן, מ׳האָט אָנגעהויבן קוקן אויף אונז קרום, און טייטלען מיט די פינגער, אַז מיר זיינען געפער־לעכע רעוואָלוציאָנערן, און ווילן אַראָפּוואַרפן ניקאָלייען פון בענקל און ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן כלל ישראל. דאָס האָט אונז אָבער ניט אָפּעשראָקן. להיפך, נאָך מער פאַרשטאַרקט אונזער טיפן גלויבן און קאַמף פאַר אונזער אידעאַל.

ביז איינמאָל אַ שבת אין אָוונט, ווען מיר זיינען געזעסן ביי שמעון דעם כאַצילקער אין שטוב שטאַרק באַגייסטערט הערנדיק לייענען פון חיה־פייגל אַ נייעם אויפרוף פון „בונד” צו די יידישע אַרבעטער אין לאַנד, האָבן זיך פלוצלינג אריינגעריסן סטראַזשניקעס און אַלעמען אַרעס־טירט. איך האָב געהאַלטן אין האַנט אַ בראָשור מיט אויסצוגן פון קאַרל מאַרקסן, האָב איך נאָך באַוויזן אַ וואַרף צו טאָן אין אַ זייט. פון די אַלע

פאַרזאַמלטע האָט מען בלויז פאַרהאַלטן פיר: חנקע עלעס, חיה־פייגל מיט איר ברודער טעווקע און מיר. מ'האָט אונז אוועקגעפירט צום אַראַדניק, און געהאַלטן פאַרשפאַרט א גאַנצע נאַכט אין אַ קאַלטן צימער. אויף מאָרגן, כ'געדענק, איז געווען אַ קאַלטער פראָסטיקער טאָג, האָט מען אונז אַריינגעזעצט אין אַ שליטן, אין דער באַגלייטונג פון זשאַנדאַרן האָט מען אונז געפירט דורך דער גאַנצער לענג פון שטעטל, אַלע האָבן אונז אָנגעקוקט מיט פיל באַדויערונג און רחמנות געפיל.

אין אָוונט זיינען מיר אָנגעקומען אין סווענציאַן, און באַלד אַריינגעזעצט אין חד־גדיא. דאָ האָט מען אונז יעדערן באַזונדער גענומען אויספאָרשן, דורך אַ פּראָקוראָר, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון ווילנע. נאָך פיל שעהן פייניקן און מאַטערן האָט מען אונז צעשיידט.

מיר האָט מען אריינגעזעצט צוזאַמען מיט קרימינעלע פאַרברעכער, מענטשן פאַראורטיילטע פאַר מאָרד, און ס'איז ניט אָנגענעם געווען צוגעפינען זיך אין אַזאַ געהויבענע געזעלשאַפט. אויך די באַדינגונגען זיינען געווען זייער שווערע אוממענטשלעכע. וועגן מיין לאַגע האָט זיך דערוואוסט אַ יידישע פרוי פון סווענציאַן וועלכע איז אויך געווען אַ פּאָליטיש באַשולדיקטע און האָט זיך באַפרייט, און אַדאַנק איר אינטערווענץ האָט מען מיר איבערגעפירט אין איר געוועזענעם צעל, זי האָט אויך געזאָרגט וועגן פאַרשיידענע זאַכן ווי שרייב־מכשירים. יעדן טאָג האָט מען מיר געבראַכט אַ מיטאָג. אַזוי אַרום איז מיין לאַגע געלינדערט געוואָרן. איך בין פאַרבליבן זיצן אין תפיסה דער לעצטער פון די פיר אַרעסטירטע חברים. צום סוף בין איך נאָך אַמאָל אויסגעפאָרשט געוואָרן דורך אַ פּראָקוראָר, וועלכער האָט מיר געדראָט מיט פאַרשיקן אין סיביר אויב איך וועל ניט אַרויסגעבן די נעמען פון די וועלכע שטייען אין שפּיץ פון אונדזער קרייז. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט פון מיר גאָרנישט אַרויסבאַקומען. און נאָכן אָפּזיצן אַ חודש אין תפיסה אין אַן איינצל קאַמער בין איך ענדלעך באַפרייט געוואָרן, מיין טאַטע איז געקומען מיר נעמען אַהיים.

אין שטוב איז די עקאָנאָמישע לאַגע געווען אַ שווערע, דער טאַטע האָט באַשלאָסן צו פאָרן אין אַמעריקע און מיט דער צייט אַראָפּנעמען די גאַנצע משפחה. דערווייל האָט זיך דערנענטערט די צייט פון צושטעלן זיך צום פּריזיוו וואו איך האָב געדאַרפט דינען דעם קסר גאַנצע פיר יאָר. אַחוץ דעם האָב איך געמערקט ווי די פּאָליציי שפּירט מיר נאָך אויף שריט און טריט און וואַרפט אויף מיר אַן אויג.

דאָס אַלץ האָט מיר געעשטויסן צו געזעגענען זיך מיט מיין אַלטע היים.

נאָכן באַקומען צוגעשיקט פון טאַטן די שיפס־קאַרטע און די איבעריקע הוצאות, האָב איך זיך גערירט אין וועג.

איך לעב אין אַמעריקע שוין 69 יאָר, פאַר דער צייט זיך אַמעריקאַניזירט, אָבער בין נאָך אַלץ מיט שטאַרקע פעדים צוגעבונדן צו מיין שטעטעלע סוויר, וואו איך בין געבאָרן געוואָרן.

איך וואָלט נאָך וועלן אָנקוקן דעם סווירער באַרג און דעם טייך, וועלכע דערמאָנען און וועקן אויף אין מיר אַזויפיל דערינערונגען און זכרונות, אָבער דאָס איז שוין פאַר מיר אַ ווייטער חלום...

סענדער לאַבאַנאַרסקי

חורבן און אומקום

סוויר

סוויר מיין אונטערגעגאַנגענע שטעטעלע
חרוב געוואָרענע היים,
ס'לייכט דיין נאָמען הינטער דער בלוטיקער שקיעה
שיינסט ווי אַן עמוד האש פון פינסטערן תהום אַרויס
בליצט אויף, ווי אַ ווייטער פאַרגאַנגענער חלום.

איך ווייס, דו ביסט שוין מער ניטאָ
איך ווייס, וועסט פאַר מיר זיך ניט אומקערן,
ניט טרעטן וועל איך די ערד
וואָס האָט מיר איבער צוואַנציק יאָר געטראָגן.
אָנקוקן דעם הימל,
וואָס האָט קינדערשן פּחד אויסגעמאָלט
און גאָלדענע חלומות געוועבט.

קלייב איך היינט ווי פּערל דיינע צעפּליקטע שמות
קוש אים דעם ווינט,
וואָס בריינגט מיר דיין פאַרברענטן אַש צוטראָגן.
וואַרם זיך ביי דיין אויסגעלאָשענעם נר תמיד.

איך האָב שוין אַ צווייטע היים געפונען
איך האָב שוין אויף אַנאַנדער באָדן זיך איינגעפלאַנצט
אַ נייען גאָט אָנגעהויבן דינען.

קומסטו נאָך מיין שטעטעלע צו חלום יעדע נאַכט
גייט מיר נאָך דער חן פון דיינע שמאָלע געסלעך
שעפּ עמערוויז פון דיין טיפן ברונעם.

װערן בלעטער פֿאַרװיאַניעטע דורך פֿרישן טוי װידער גרין
און סטעזשקעס פֿאַרװאַקסענע צוריק אויסגעטראָטן,
װערן פּנימער פֿאַרמעטענע — װידער אויפֿגעלעבט
און װינקעלער אַמאָליקע גייען מיר נאָך װי אַ שאָטן.

איך קום צו דיר אַ ניט געבעטענער צוגאַסט
גיי מיט צוגעמאַכטע אויגן,
קיינער פֿירט מיר ניט
איך פֿלי — װי אַמאָל ייִנגלװייז פֿון חדר
מיט אַן אָנגעצונדענע לאַמטערנע אין האַנט.

...האָסט שטעטעלע מיינס דיין שיינקייט איינגעהאַלטן
און ס'איז דיין חן אויף אַ האָר ניט געמינערט,
ס'שטייט נאָך אַלץ דער באַטשאַן אויפֿן שפּיץ פֿון קלױסטער
און קלאַפּט מיטן שנאָבל.
דער באַרג, שמייכלט צו מיר גוט־ברודעריש
(אויף אַ האָר ניט עלטער געװאָרן)
און שטרעקט מיר אויס אַ ברייטן שלום־עליכם,
דער קאַרשן בוימעלע ביי אונז אין גאָרטן
שטייט אין װייסן אויסגעפּוצט
(אַט באַלד װעט זיך די מאַמע אין פֿענסטער באַװייזן)
ביי די מיאַדלער בליען שוין די מיי־בוימער
און פֿאַרשכורן דעם אַרום
(ניט איינמאָל דאַרט די מייטקעלער קלעטערנדיק צעריסן)
אימיצער פּראַשקעט נאָך מיט אַ פּראַלניק אויף מיישע
דעם מאַלערס קלאַטקע
און ס'ענטפֿערט אָפּ דאָס עכאָ פֿון יענער זייט,
די אַזערע ליגט נאָך אַ פֿאַרחלומטע װי אַ מאָל
(ס'האָט דער שטורעם איר שפּיגל ניט צעבראָכן)
אַ גאַנצן טאָג זיך אָנגעשפּילט מיט די שטיפֿערישע כװאַליעס
קלייבט זי איצטער אירע כוחות אויפֿן מאָרגנדיקן טאָג.

בלאָנקע איך אַרום מיט אבלדיקע טריט.
איבער דיינע שטומע געסלעך,

קיינער קומט מיר ניט אַנטקעגן
קיינער קלאַפּט ניט אָן אין פענסטער
און רופט מיר ביים נאָמען.
אַ בית־עולם שטילקייט ליגט דאָ אויסגעגאָסן.

ווער האָט אויסגעקערט די רעדלעך יידן פון די גאַסן
זיצנדיקע אויף די גאַנקעס, אין זומערדיקע פאַרנאַכטן,
ווו האָט זיך פאַרקייקלט דער קינדערישער געפילדער אויף די הייפן,
און הילכיק צעקלונגענע מיידלשע געלעכטערס,
ווער האָט איינגעשלונגען די האַרציקע קולות פון בית־המדרש
און פלאַמיקע דיסקוסיעס אין דיינע לאָקאַלן.
ווו זענען אַנטרונען געוואָרן די פאַרליבטע פאָרלעך הינטערן שטעטל,
און אָנגעפּאַקטע, לוסטיקע חברה אויף שווימענדיקע שיפלעך,
ווו איז אַנטלאָפן ס׳פייגל געזאַנג איבער דיינע פענסטער
פון דורות לאַנגע אויסגעוואַרעמטע נעסטן
ווו? — — —

קיינער ענטפערט ניט, אַליין האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן
אַ יום כפורדיקע פּוסטקייט היינגט אַנדערלופט,
אַ געפרעפּענע שטילקייט אין אַ שטוב, ווו מ׳האָט אַ בר־מנין
אַרויסגעטראָגן
אַ בלייענער וואָלקן דריקט שווער אויפן האַרצן
אָט ווערט זי באַלד צעפּלאַצט —
ס׳וויינט יעדער שטיין אונטער מיינע טריט
— — — געווען אַמאָל אַ שטעטעלע סוויר — און ניטאָ שוין מער...

די בריק

די בריק איז געווען דער אָנהייב און סוף פון שטעטל. אויף יענער זייט האָבן גרינע פעלדער זיך רחבותדיק צעשפּאַצירט, אַוועקשווימענדיק ווייט אויף די גאָלדענע כוואַלייעס ביז. געדיכטע טיפע וועלדער, וועלכע האָבן דעם האָריזאָנט אין אַ טונקעלער ראָם איינגעפּאַסט. אַקעגנאיבער

איז געלעגן אויסגעשפרייט די לושציקער גרעבליע, אַ ריזיק צעגאָסענער זומפּ, אַסיענצייט האָבן בידנע, באַלעגאַלעס ביטער געוויינט אויפן דאָזיקן שטיקל וועג וועלכן מ׳האָט ניט געקענט אויסמיידן, און דערפאר איז דאָס שטעטל אָפּגעשניטן געווען פון דער וועלט, און קיין אייזנבאַנליניע און טראַקט אַהער ניט דערגאַנגען.

פון דאַנעט האָט אַ שמאָלער זאַמדיקער וועג אין ברייטן גאַשטינעץ זיך אַריינגעשניטן, געפירט אין דער גרויסער וועלט אַריין, דורך דאַנעט. האָבן נייע שטרעמונגען, אידייען אין דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטל, שטורמיש זיך אַריינגעריסן, און אין דער פאַרגליווערטקייט אַ נייעם רוח אַריינגעבלאָזן.

פונדאַנעט האָט מען דעם ערשטן ציטערדיקן טראָט געשטעלט, און מיט אויפגעריסענע אויגן אין וועלטס ריזיקע אָרעמס אַריינגעפאַלן, פאַרבלענדעט פון דער אָרומיקער צעגאָסענער ליכט. דורך דאַנעט האָט מען קינדערשע פוכיקע הענט אין קייטן געשמידטע געפירט. דאָ זענען צענדליקער יינגלעך און מיידלעך פון וואַרעמע היימען אַנטלאָפן, אויף הפקרדיקע וועגן זיך געלאָזט...

דאָ אויפן בריק האָט מען יעדן אָפּפאָרנדן באַגלייט, הענט האָבן וואַרעם זיך געדריקט, הייסע טרערן האַלזנדיק פאַרגאָסן. דאָ האָט מען פייערדיקע הוראָס געטאַנצט, און מיט קנאה באַגלייט די גליקלעך אָפּפאָרנדע.

פון דאַנעט האָט מען דעם לעצטן בליק געוואָרפן אויף די טרויער איבערגעבליבענע טאַטע מאַמע, און אזוי טייער באַליבט שטעטעלע. ווייט ווייט האָט נאָכגעיאָגט מאַמעס זילבערדיקער טרער און אַנטלויפנדיקער מאַיעסטעטישער קאָפּ פון באַרג, און מיט אים, דער קנויל פון די טייערע שפּילעוודיקע קינדערשע יאָרן.

דא האָב איך צום לעצטן מאָל מיט מיינע טייערע זיך געזעגנט. אָט זע איך נאָך היינט ווי אין יענעם זומערדיקן באַגין מיין מאַמעס טרויעריק פנים און פאַרוויינטע אויגן, ס׳גייען מיר נאָך ווי אַ שאָטן אירע לעצטע ווערטער נעם מיר אַראָפּ, און ס׳שניידן נאָך ווי מעסערס אין האַרצן מיין ברודערס אַרויסגעכליפּעט קול פאַרגעס אונז ניט. אַ טייערע מיינע. ניט פאַרגעשטעלט זיך, אַז דער חלף ליגט שוין ביי אייך אויפן האַלז און וועל זיך מער ניט באַגעגענען מיט אייך און מיט די איבעריקע האַרציקע יידן, וועלכע זענען געקומען מיר באַגלייטן.

די בריק איז אויך געווען דער באַליבסטער ראָמאַנטישער ווינקל פאַר

דער שטעטלשער יוגנט. נאָכן דורכשפּרייזן דעם האַרטן, לאַנגן ברוק, פלעגט דאָ אַ שלאָג טאָן אין פּנים אמהיה׳ציקע פרישקייט, אַ דופטיקער ריח פון דעם צעבליטן גרין־צעוואַקסענעם אַרום. איז געווען נאָך אַ גרעסערער פאַרגעניגן ווי אָנשפּאַרן זיך אויפן פאַרענטש פון בריק. און צוהאָרכן זיך צו דעם שטילן געמורמל פון די כוואַליעס. און אַמאָל פלעגט דאָ איבעררייסן די שטילקייט פון אַרום ס׳שפּילן פון אַ גיטאַרע אָדער מאַנדאָלינע אויסגעמישט מיט אַ פריילעך געזאַנג און הילכיק געלעכטער פון חברה, וועלכע האָבן דאָ פאַרבלאָנדזעט שפּעט אינדערנאַכט אויף אַ לאָדקע.

די בריק איז בעת די ערשטע וועלט־מלחמה אונטערגעצונדן געוואָרן, און באַלד צוריק אויפגעבויט. פון דער מלחמה איז ער ארויס גאַנץ. און האָט איבערגעפירט די גאַנצע עדה סווירער יידן אין זייער לעצטן וועג.

אַ בריוו אַהיים

בײַ אונז,
בליט שוין דער מאַראַנץ לעם פענסטער
און פייגל, זינגעגן שפּרינגען הין און הער.
בײַ אייך,
גליווערט נאָך דער קאַרשנבוים אין גאַרטן
און אין שטוב — פאַראַן נאָך ווער ?
בײַ אונז,
רעגנט איצט גאָלד אויף פעלדער
פון אַ הימל אויסגעצוואָגן ריין.
בײַ אייך,
דרייט אַ זאַווערוכע,
דערטראָגט זיך נאָך אויף מאַמעס געוויין ?
גלוסט זיך מיר איצט פליגל אָנטאָן
און ברענגען אייך אַ טראָפּן טרייסט,
וועט נאָך אימיצער מיר אַנטקעגנקומען
אָדער — שוין האָט ווייסע רו אויך אויסגעלייזט...

ווען...

און ווען ס׳וועט דער תלין
אין זיין אייגענעם בלוט אין אָנמאַכט פאַלן,
און וועלטס שופרות
וועלן הילכיק זיך צעשאַלן
וועט מיין פאָלק זיך שבעה דאַרפן זעצן.

און ווען אַ ווייסע טויב וועט נאָכן מבול
גרינעם אָנזאָג ברענגען,
און פרילינג,
אונטער אַלע הימלען זיך צעהיינגען
וועט מיין פאָלק אין שוואַרצן נאָך אַרומגיין.

און ווען אַלע וועלן פון נח׳ס קאַסטן אַרויסקריכן
און יעדערער,
וועט זיך זיין נעסט אָפּזוכן,
וועלן מיינע ברידער
שוין אַהיים ניט קומען...

**
*

ס׳איז היינטיקער פרילינג פאַרבייגעפלויגן
און פון מיר זיין פנים באַהאַלטן,
אָנשטאָט אַ גלעט זוניקן שמייכל,
איבערגעלאָזן אַ ציטער אַ קאַלטן.

ס׳האָט היינטיקער פרילינג
מיינע פליגל ניט אויסגעשפּרייט,
איז דער קאָפּ זינקען געבליבן
און דער וועג פאַרווייט.

פייפט דרויסנדיקער ניגון
האַרבסטיקן אומעט אין מיין האַרצן,
ס׳האָט אונז ביידן פרילינג היינט
אַנגעטאָן אין שוואַרצן.

מיר וועלן עמלקן אייביק נישט פאַרגעסן...

שוין זיינען אייערע צעזייטע קברים
מיט גרינעם גראָז פאַרוואַקסן,
אויסגעגלייכט מיט דער ערד.
שוין האָט דער ווינט,
אייער פאַרברענטן אַש ווייט צעטראָגן
און באַמיסטיקט עשוס פעלדער.
— קין שפּאַצירט שוין פריי אַרום איבער די גאַסן
מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ
האָט זיינע בלוטיקע הענט „זויבער״ געמאַכט
געכשרט אין די טומאה׳דיקע וואַסערן פון מענטשלעכן זנות.
די וועלט — טראָגט אים אַ חניפהדיקן שמייכעלע אַנטקעגן
און יעדער פאַרבעט אים הכנעה׳דיק צו אַ מזומן...

מיר וועלן עמלקן אייביק ניט פאַרגעסן
אונזער חשבון איז אַן אַלטער,
נאָך שרייט פון אונז אַרויס הבלה׳ס בלוטיקע שטים
און ס׳איטערט אויף אונזער קערפּער די אָפענע וווּנד.
גייען אונז נאָך ווי אַ שאָטן,
די פאַרשטיקטע קולות פון די גאַז קאַמערן
און לעצטע גסיסה קרעכצן,
פון די אויסגעגאַנגענע אויף אַלע וועגן.
נאָך יאָמערט די אַבל׳דיקע פוסטקייט אין אונזערע שטיבער
און ס׳כליפּען אויפן קול
די ליידיק פאַרבליבענע פּלעצער ביים טיש.
נאָך קלאָגן שוואַרצע ראָבן אויף אונזער דאַך
באַוויינען די טויטע,
און — זאָגן אָן אויף אַ נייעם געוויטער...

אינמיטן אַ שטעטעלע
איז אויסגעוואַקסן אַ באַרג אַ גרויסער,
אַלע האָבן זיך מיט אים געייחוס׳ט
דערפאַר אפשר האָט ער גאוה׳דיק די קאָפּ פאַריסן ווי אַ קיסר.
אין דער אַ שטעטעלע האָט אַ מאַמע מיר געבאָרן
אויף דעם אַ באַרג מײַנע קינדער־יאָרן אויסגעשפּילט,
האָב איך זיי שוין ביידן היינט אויף אייביק פאַרלאָרן
ס׳האָט שוואַרצער טרויער זיי איינגעהילט — — —

דער באַרג

מ׳שמועסט — שטאַמסט פון פאַרצײַטן —
ס׳האָבן מענטשלעכע הענט דיר אָנגעשאָטן,
געפירט שוין פון דאַן — אַ סך מלחמות, שטרײַטן —
דורות יידישע, פיל סטעזשקעלעך ביי דיר אויסגעטראָטן

ס׳האָט דער גרויסער גראַף (געווען אַזאַ אַמאָל)
אַ שלאָס פאַר זיך דאָ אויפגעשטעלט.
געפינט מען היינט נאָך סימנים אָן אַ צאָל
ס׳האָט דאַן געקניט פאַר אים די אונטערשטע וועלט — — —

ס׳האָט דיין נאָמען ווייט זיך פאַרטראָגן
(אויפן ווילנער פיש־מאַרק מיט דיר זיך געשאָלטן)
צו מיר האָסטו אַריינגעשמייכלט אין אַזויפיל זוניקע פאַרטאָגן
פאַר איין בליק דיינעם, וואָלט איך איצט אָפּגעגאָלטן

אין וויג נאָך, האָבן מיינע הענטעלעך צו דיר זיך געריסן,
ווען מאַמע פלעגט מיר אַ זאַטן איבערלאָזן אַליין,
האָב דאַן שוין דיר אויסגעחלומט ליגנדיק אויפן קישן
און איינגעשטילט ניט איינמאָל מיין קינדערשן געוויין.

איך בין אויסגעוואַקסן אויף דיינע קני
ווי אויף אַן אַלטן זיידן געקראָכן אויפן בויך

פון חדר ניט איינמאָל אַנטלאָפֿן גאַנץ פֿרי,
ווי אַ קאַץ געקלעטערט צו דיין באַרגיקן הויף.

פֿונדאַנעט זיך פֿאַרמאַסטן שטיינער וואַרפֿן אויף פֿייטלס בלעכענעם דאַך.
און ניט איינמאָל אַ שויב צעבראָכן ביי אַ שכן,
האָבן געמאַכט אויף אונז אַבלאַוועס יידן אַ סך
איז מען צעפֿלויגן שיעור דעם קאָפּ געבראָכן...

מלחמות־קינדערשע געפֿירט דאָ יאָרן
(די תורה גענאַשט פֿון די גרויסע)
אַקאַפּעס קונציקע אַליין אויסגעגראָבן
געשפּילט זיך אין רויטע און אין ווייסע...
שפּעטער שוין מיט שקצים זיך געשלאָגן
מיר זיינען שטענדיק געווען אויבן —
ס'האָבן אָבער יאָרן איבערגעקערט דעם וואָגן
און ס'קענען שוין אַנדערע מיט זייער העלדישקייט זיך לויבן...

יאָרן זיי גייען און דער באַרג מיט זיי
יעדערן, זיין גרינעם שויס צוגעטראָגן,
צעגיסט מען זיך אין לידער ביז באַגינענדיקן קריי
— ס'האָט שוין אימיצער אין מוחות אָנגעהויבן נאָגן...

אָנגעטרונקען זיך ביז שכרות פֿון דיין גרינעם בעכער
אָנגעזעטיקט זיך מיט דער אַרומיקער שיינקייט,
טראָגן ווידער פֿליגל צו דיר הויך און העכער
און לאָזן מיר איבער ווי אַמאָל אין מיין וועלפֿישער אַליינקייט.

ליגסט מיין שטעטעלע ווי אַ שפּילכל אויף דער האַנט
אָט איז די יורזיקע — דער קלויסטער פֿאַררייסט דעם קאָפּ,
ס'הויבט זיך אָן די „גאַס"־קאַרטן שטיבעלעך אויסגעזעצט אין זאַמד
אַנטקעגן, קייקלען זיך געסעלעך, איינע נאָך די אַנדערע אַראָפּ,
מערק פֿוןביידע זייטן (וויפֿל מלחמות געפֿירט)
די שול אַ שיינענדיקע, פֿאַררייסט דעם קאָפּ.
האָבן גרינע סעדעלעך דיין נאַקעטקייט אויסגעצירט
די „סלאָבאָדע" אַ פֿאַרשעמטע פֿון דער ווייטן קוקט

טוליען זיך הייזעלעך קרשן דיינע פיס
אַט איז דאָך אונזער שטוב, מיין היים
קינדערלעך שפּילן זיך אַזוי מחיה׳דיק־זיס
ציגן קלעטערן פריי דאָ און אַ צוים.

אַט איז די אַזערע, אין אַ שיסל זיך אויסגעגאָסן ברייט
טראָגט שיפן ווי שפּענדלעך לייכט אויפן רוקן,
אויף יענער זייט — האָט זיך אומיצער צעשריען רויט
אַ גרינע וועלט פאַר איר שיינקייט טוט זיך בוקן

חנ׳דלט זיך די אַזערע דעם באַרג אַנטקעגן
קנייטשט זיך וואַרפט זיך ווי אַ שטיפערישע מיידל
גלוסט זיך איר אַמאָל אַרויס פון די ברעגן
קען אָבער דעם וועג ניט געפינען ווי אַ הונט דעם וויידל

קוקן זיך אין די אויגן ווי אַ פאַרליבטע פּאָר
די הענט — קענען זיך ניט דערלאַנגען,
צעפייפט זיך דער באַרג טרויעריק ביז גאָר
ענטפערט באַלד די אַזערע אין שטילע מאַנאַטאַנישע געזאַנגען.

יעדן באַגינען טונקט אָפּ די זון דאָ אירע גאָלדענע טריט
און צעשיט די רענדלעך אויפן גלאַטן שפּיגל,
דער באַרג, אַ ראַז־צעשמייכלטער ווי פאַר דער מאָרגן תּפילה קניט,
פאַרייסנדיק דעם קאָפּ צום הימל.

**
*

גלאמפּעזעס נאָך דער באַרג פון יענע צייטן
שטייט אַ גרינער אַנגעטאָן אין זומערדיקן בליען,
פירן מיר ס׳זעלבע טרעפּ פונדערווייטן —
דער אָדלער שטייט נאָך אַלץ אויסגעשפּרייט צום פליען.

נאָך איז דער דיינקמאָל פון „אומבאַקאַנטן” מיט אַ קייט אַרומגענומען
הויכער גראָז פאַרוואַקסן אַרום.
הער איך פּלוצלונג מאַמעס־קול פונדאַנעט ברומען
— בלייב צום אָרט אַ צוגעשמידטער שטום.

אַ טרויער הייננט איבער דיינע דעכער
טיר און פענסטער אויסגעפראַלט,
ס׳ווייננט דער אומעט אַרויס פון די לעכער
ס׳טראָגט זיך אַ געיאָמער, ווי פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

ס׳שרייסט צום הימל ווי אַ קוימען אַ שוואַרצער
וואָס איז נאָך אַ שריפה געבליבן שטיין
ס׳האָט אַלץ איינגעשלונגען דער פינסטערער קאַרצער
דיר פאַר אַן עדות איבערגעלאָזן אַליין.

האָסט זיך צוגעקוקט, ווו מ׳האָט דיינע יידן סטאַדעווייז צונויפגענומען
אין אַן ענגע געטאָ פאַרשפּאַרט,
ס׳האָבן שוין יידישע קינדער ניט געטאַרט צו דיר אַרויפקומען
אויף זייערע שפּילערייען זיך מער ניט דערוואַרט.

האָסט זיך צוגעקוקט, ווי מ׳האָט דיינע יידן אויף זועגענער אָנגעפּאַקט
(קיין פּאָנאַר געפירט האָט דער וועג) —
באַגלייט האָבן זיי קלאָגעדיקע סלופּעס אויפן טראַקט
און בלוטיק אָנגעטרונקענע פאַרסמ׳טע טעג,
האָסט צוגעזען ווי מ׳האָט מיין פאַרחלשטע מאַמען געשלעפּט זאַלבע צענט
און ביסט פאַר חרפּה אין דער ערד ניט אַריינגעזונקען,
האָסט צוגעזען ווי ס׳האָט מיין שוועסטער געטריבן מיט די עופּה׳לער
אויף די הענט,

און אין ים פון זייערע טרערן זיך ניט דערטרונקען.

ביסט הייננט אַ ריזיקע מצבה נאָכן חורבן איבערגעבליבן,
וועסט פאַר קומענדיקע דורות דעם סוד דערציילן.
מיט בלוטיקער שריפט זיינען די ווערטער אָנגעשריבן,
תו שין גימל, אומגעקומען אַ יידיש שטעטעלע אין פּוילן.

פּאָנאַר

פּאָנאַר איינע פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן, ליגט 7 ק"מ פון ווילנע, נאָענט צו דער באַן־ליניע.

געפינט זיך אין אַ פּרעכטיקע לאַנדשאַפט, אַרומגערינגלט מיט טיפע וועלדער.

דאָרט זיינען אויף אַן אכזיותדיקן אופן אויסגעשניטן געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים, ווי מ'איז זיך משער ביי 100,000 יידן פון ווילנע און אומגעגנט, און צווישן זיי ס'רוב סווירער יידן.

זעענדיק פאַרויס זייער נאָענטע מפּלה האָבן די רוצחים באַוויזן אַ טייל פון די קרבנות אַרויסנעמען פון די גריבער און פאַרברענען, כדי אָפּווישן זייערע בלוטיקע מעשים, אָבער מיטן דערנענטערן זיך פון דער סאָוויעטישער אַרמיי איז זייער אַרבעט איבערגעריסן געוואָרן.

היינט שטייען נאָך די אָפענע גריבער.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה האָט דאָס וואַרשעווער יידנטום געפּלאַנט אויפצושטעלן אַ מאָנומענט די קדושים, אָבער דער פּלאַן איז ניט צושטאַנדגעקומען, ווייל די אָרטיקע מאַכט האָט ניט מסכים געווען אַז ס'זאָל דערמאָנט ווערן, אַז דאָ ליגן יידישע קרבנות.

ביז 1950 האָט יעדער באַזוכער אין פּאָנאַר געקענט פאַרצייכענען אין דעם באַזוכער־בוך זיין נאָמען אין יידיש, און אפילו אויפהענגען בילדער פון די אומגעקומענע, איצט איז נאָר דערלויבט זיך אונטער־שרייבן אין דער ליטווישער שפּראַך, און שטרייַנג פאַרבאָטן אויפהענגען בילדער.

פּאָנאַר איז היינט פאַרבויט אַרום מיט הייזער, און די רעשטל יידן וואָס לעבן נאָך היינט אין ווילנע, זיינען זיך נוהג צו באַזוכן דאָרט און פאַרגיסן אַ טרער נאָך זייערע אומגעבראַכטע משפּחות.

מפּי עד ראיה

ס׳הייפעלע אַש פון מיין מאַמען...

(צו דער סימבאָלישער לויה פון געבראַכטן אַש פון פּאָנאַר)

וואָס איז נאָך פון מיין היים פאַרבליבן
אַ חוץ ס׳ הייפעלע אַש פון מיין מאַמען,
כ׳האָב עס היינט מיט אַ הייליקן ציטער אין האַרצן
צו קבר ישראל געבראַכט.

וואָס האָב איך נאָך געקענט דערוואַרטן,
דאָס איז מיין לעצטער ווונטש געווען.
דאָ אויף מיין ערד זאָל מאַמעס אַש רוען
און די בלומען אויפן קבר, מיט מיינע טרערן באַגיסן.

וואָס האָב איך נאָך געקענט פון דעם רוצחים־לאַנד ברענגען.
אַ חוץ ס׳הייפעלע אַש פון מיין מאַמען.
כ׳האָב עס היינט מיט ציטערדיקע הענט
צו קבר ישראל געבראַכט.

נעדרים



חיה וינר

ביי מאַמעס בילד

שטילער אומעט,
שאָטנט אַראָפּ איבער דיין בילד.
ס׳שניידט דיין בליק טיף אַריין אין האַרצן
מיט דיין וואַרעמען אָטעם, איז מיין חדר אָנגעפילט

הער איך נאָך דיין וויינענדיקן שעפּטשן
ביים תחינות זאָגן, און בענטשן ליכט,
נאָך האָבן יענע טרערן ניט אויסגעטריקנט
קייקלען זיך איצט אויפן געקנייטשן געזיכט.

אָבער יענער קוואַל פון דיינע טרערן
האָט שוין „אומיצער״ אַן אַ זייט אַראָפּגעפירט,
און אַרויסגעצויגענעם מעסער פון דיין האַרצן
אין אַ גאָלדן רעמל באַצירט...

מ׳האָט דיר פֿאַרשאָלטן, געבאָרן געוואָרן אַ ייִדישע מאַמע
קינדער אויסגעהאָדעוועט פֿאַר שטורם און פֿאַר וועלט,
דײַנע טעג און נעכט אין טרערן אויסגעווייקט
אַ וואָרקנדיקע טויב פֿאַרבליבן, אין דײַן אײנזאַמען געצעלט.

געהאָפֿט אויף דער עלטער אַ מנוחה געפֿינען
אַוועקפֿליען צו קינדער אין הייליקן לאַנד,
האָט בושעוודיקער שטורם דײַנע פֿליגלען צעבראָכן,
טאַנצט היינט דײַן שאָטן בײַ מיר אויפֿן וואַנט.

טאַטע

פֿון הינטער די בלוטיקע שקיעות
קומט מיר אַנטקעגן דײַן ליכטיק געשטאַלט,
ס׳קלאַמערן מיר אַרום דײַנע אַדערדיקע הענט,
ביסט אַ איבערגעבליבענער בוים פֿון אויסגעהאַקטן וואַלד.

ח צ ו ת
זע איך דיר נאָך אויפֿן בענקעלע זיצן
אַ קרענקלעך שײַן אויפֿן בלאַסן פּנים פֿאַלט,
הייסע טראָפּנס קײַקלען זיך איינע נאָך די אַנדערע אַראָפּ.
די אויגן לעפֿלעך שליסן זיך פֿון מידקייט באַלד.

ס׳האָט טאַטן די נויט פֿון דער אָרעמער היים פֿאַריאָגט
צו עלף יאָר אויף זײַנע פּלייצעס דעם יאָך געטראָגן,
האָט די פּראַצע זײַנע יונגע כּוחות אויסגענאָגט,
די שווערע האַנט פֿון לעבן אַזוי פֿרי דערשלאָגן.

נאָך יאָרן,
טאַטע שאַרט זיך שוין מיט אַ שטעקעלע אַרום
זײַנע וואָרעמע אויגן זיך אויסגעלאָשן פֿאַר דער צייט,
אין ס׳האַרץ, אַ טאַטנס גאָלדענע האַרץ
שלאָגט נאָך צו מיר פֿונדערווייט.

אויפן הר הזיתים

אַ טייערע עלטערן, כ׳האָב אייך ענדלעך געפונען
נאָך 33 יאָר וואָס זענען פּליסיק אַנטרונען
אויפן הר הזיתים אייך זוכן, כ׳האָב געהאַפּט און געבענקט
דאָרט אייביק צו רוען, אייער צוואה פאַרגעדענקט.

גענישטערט צווישן קופּעס ברוך און ווייסן שטיין
צווישן צעשטערטע קברים פון בני־תורה־יידן, גרויס און קליין
פון אויפגעהעצטע באַנדעס, לעגיאָנערן פון שבט ישמעל
מיט פאַרסמטע מוחות פון נקמה. צוליב מדינת ישראל.

פלוצלונג פאַר מיינע אויגן, אין געקריצטן שטיין
אייערע נעמען האָבן אויפגעבליצט, מיט פאַרכטיקן חן,
איינס נעבן צווייטן די מצבות צעוואָרפן, צעשפּרייט,
דער פונדאַמענט צעריסן, דאָך ביידן ניט צעשיידט.

ליידנדיק אונטער לאַנגער מערדערישער אָקופּאַציע
מיט דער אַלטער שטאָט ירושלים, צוזאַמען אין איזאָלאַציע
זענט געווען עדות צו שכנים׳ס צעראַבירטע שטיינער
פון בויען אַ שאָסיי אויף זייערע ביינער.
איך האָב אויפגעציטערט פאַר שמחה, ווידער אייך צו טרעפן
אויפן אייביקן רו־פּלאַץ, פון מענשלעכן באַשאַפן,
אייער געוויסער הנאה פון באַזוך, כ׳קען פילן די מחשבות
ווען אַ זון מיט דער פרוי און טאָכטער קומען אויף קברי אבות.

די קברים אויפגעבויט, פון פרישן פאַרב, די נעמען לייכטן
אַן איילבערט בוים שיצט די אותיות פון טוי דעם פייכטן,
אין פאָרערגרונט די כותל־פלאַזשאַ שפּרייט ליכט אָן אַ סוף,
ביים זייט א שוועסטערס קבר, מיטן מאַן, פון מינסק א רב.

כ׳האָב שטיל מתפלל געווען, ביי אייך צופוסן
פון דער משפחה געבראכט צו אייך א סך גרוסן
גאט אליין נאר וויים, ווען מיר׳ן זיך ווידער באגעגענען
לייגן מיר שטיינדלעך אָנשטאט בלומען, ווי אונזער מנהג ביים געזעגענען.

ישראל זאב שווארץ

צו מיין פאַרוווּנדעטן קראַנקן ברודער

פרומקען

ס'האָט אַ מערדערלעכע האַנט,
גלייך אָן ציטער אין דיין ברוסט געצילט.
ס'האָט אַ מערדערלעכע האַנט,
קאַלט און זיכער דיר געשיקט דעם טויט.
נאָר די קויל די פאַרעטעריין האָט נאָר ווילד אַרויסגעברילט
און ניט געפּאָלגט די שטים וואָס ט'נאָכגעשריען רויט.

ליגסטו ברודער איצט צוגעשמידט צום בעט
ווייסע מלאכים איבער דיר שוואַרצע שאָטנס יאָגן,
אַ פרילינגס־שטראַל, איבערן בלייכן פּנים טוט אַ גלעט
דאָס האָט מאַמע אַ רפואה געבראַכט צו טראָגן.

פעלט איצט מאַמעס וואַרעמע האַנט
דיינע וואונדן אָפּצוקילן,
אומעטיק ווי אַמאָל זיך צוזעצן לעם דיר,
איר הייסן אָטעם דערפילן.
ס'איז שוין מאַמע לאַנג ניטאָ,
אַ רוצחישע האַנט האָט איר בוים אונטערגעשניטן,
האָט די זעלבע בלוטיקע האַק,
(די האַנט בלויז איבערגעביטן)
אויפן וואַרצל זיך פאַרמאָסטן —
האָט ס'זעלבע בלוטיקע האַק
דיינע ברענענדיקע טריט דעריאָגט
און טייער האָט ער דיר געקענט קאָסטן.

זיי געשטאַרקט ברודער,
היילי̄ק דאָס לעבן וואָס איז דיר געשיינקט געוואָרן,
גרויס זיך מיט דיין אומגעקומענע מאַמען,
וואָס האָט אונז ביידן יידן געבאָרן.

אין אַ כישוף ראָד

איך בין אַריינגעפֿאַלן ווי אין אַ כישוף־ראָד,
טונקעלע שאָטנס האָבן מיר אין זייער נעץ געפֿאַנגען,
שטיי איך נאָך ווי נעכטן פֿאַר אַ גרויסן סוד,
און זע ניט דעם ברעג, וואָס זאָל מיר אַ האַנט דערלאַנגען.

ס'האָט די לויטערע בלאַקייט אונזערע
אַ שווערע האַק געשפּאָלטן,
און מיין האַרץ צעריסן אויף צווייען.
שרייען דורך די גראַטעס דיינע ווייסע קייטן.
און כ'ווייס ניט,
ווער פֿון אונז האָט איצט גרעסערע ווייען...

איז היינט מיין אויג אין גרינס אויסגעבעט
און גאָלדענער רעגן אויפֿן קאָפּ רינט.
אונטער דיין בעט ליגט אַ שלאַנג אויפֿגעדרייט
און כ'ווייס ניט,
וואָסערע מחשבות איר בײדע שפּינט.

ווי קען איך אָנשטעקן דיין קראַנקן גוף
מיט מיין דאָרפֿישער געזונטקייט,
ריח פֿון פֿעלד, און פֿרייד פֿון שניטער,
ווי קען איך אַריינשמעלצן אין דיין שוואַכן גוף
דעם כוח פֿון מיין שטאַם,
און פֿאַרטרייבן פֿון אונז ביידן דעם ציטער.

ס'האָט דער ווייסער אלעאַנדער

ס'האָט דער ווייסער אַלעאַנדער
ארייַנעשמייכ'לט אין דייַן פענסטער
און אָנגעפילט מיט דופט דעם טונקעלן חדר,
ס'האָט פייגל־געזאַנג דעם פרילינג אָנגעזאָגט
און אַרויסגעפירט די וועלט אויף זוניקע רעדער.
דייַן זון איז לאַנג שוין אין וואלקנס פאַרגאַנגען,
און בלייענער הימל אויפן שוועל זיך אויסגעלייגט,
ס'וועט שוין קיין פרילינג דייַנע קנאָספּן ניט עפענען.
ס'האָט אַ שטורעם, דייַן צעבליטן בוים ווי אַ רייף אויסגעבייגט...
שיקט נאָך דער אַלעאַנדער יעדן באַגין זייַן ברכה
פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אַ פאַסיקל ליכט,
קושט אויס דייַנע ביינערדיקע פינגער
און באַשטראַלט דייַן וועלקנדיק געזיכט.

דו מיין איינאונאיינציקער ברודער

דו מיין איינאונאיינציקער ברודער שוין אויבעט ניטאָ.
פון די גאַנצע משפחה, ביסטו נאָר א זכר פאַרבליבן,
האָב געבענטשט דיין יעדע איבערגעלעבטע שעה —
געקוויקט זיך מיט יעדן בריוו וואָס האָסט אָנגעשריבן.

אָט ערשט נעכטן נאָך קינדערלעך געווען.
ביי טאַטע מאַמע אין אַ וואַרעמע היים,
צוזאַמען אויסגעשפּילט זיך אין אַלע שפּילערייען,
אויסגעשמירט זיך אין רויטן קלעפּיקן ליים.
באַרוועסע געקראָכן אויפן באַרג דעם הויכן,
נאַקעטע געשפּרונגען און דעם טייך דעם בלאָען,
אַ! איר שיינע קינדער־יאָרן,
איר טוט פאַר מיר איצט אויפטויכן.

ביז ס'האָבן אונז פליגל ווייט פאַרטראָגן איבער ימען,
איבערגעלאָזן די אַלטע היים און אַ וויינענדיקע מאַמען
(טאַטע שוין ניט געווען),
מירביידע נאָר האָבן זיך געראַטעוועט פון פייער,
אַליין מיטן רויך אַוועק, אַלע ביזן לעצטן.
דערפאַר ביסטו מיר ברודער מיינער געווען אַזוי טייער,
דערפאַר האָב איך דיר אין האַרצן איינגעפּאַסט ווי אַן אוצר דעם גרעסטן.
היינט ביסטו מיין איינאונאיינציקער ברודער שוין אויבעט ניטאָ.
פון די גאַנצע משפחה ביסטו נאָר א זכר פאַרבליבן,
כ'האָב געבענטשט דיין יעדע אויבערגעלעבטע שעה —
געקוויקט זיך מיט יעדן בריוו וואָס האָסט אָנגעשריבן.

צו מור

מור וועט שוין דעם סבא ניט געדענקען
און שפּילן זיך אין זיין שויס,
ער וועט איר שוין מער קיין שמייכל שענקען
אַבער דערציילן וועט מען איר, אַז זיר וועט ווערן גרויס.
ס'האָט דער סבא צוויי טיפע קלוגע אויגן פאַרמאָגט
און אַ האַרץ פול מיט גוטס אַן אַ ברעג,
ס'האָט דער סבא מיט זיינע וויצן דעם אומעט פאַריאָגט
און אין אַ יום־טוב פאַרוואַנדלט די וואָכעדיקע טעג.
ביז — ס'האָט אים דער גורל געטראָפן שווער
אין אויף אייביק צום בעט צוגעשמידט,
פון דאַן — די גרויסע ליכטיקער וועלט ניט אַנגעקוקט מער
און ניט געהערט אַפילו זיינע אייגענע טריט...
און ווען דו ביסט, מור, אויף דער וועלט געקומען
האָסט אים אזייפיל פרייד און גליק פאַרשאַפט,
דער ערשטער שמייכל דיינער האָט אים ברייט צענומען
און אַנגעגאָסן זיין שוואַכן גוף מיט פריש זאַפט.
ס'האָט דער סבא פיל דורכגעמאַכט אין לעבן
און געהאַט א סאַך דיר נאָך צו דערציילן,
ער האָט א טייערן פרייז פאַרן לאַנד אָפּגעגעבן,
קענסטו היינט, מיט דעם יחוס־בריוו זיך טיילן.
וועסט אויסוואַקסן מור אַ גרויסע
און שפּאַצירן אין אונזער באַפרייט לאַנד,
זיי וויסן, אַז אויך דער סבא ווי יענער לעגענדאַרער משה
האָט צו דעם צוגעלייגט אַ האַנט.

GEWEN AMOL A SHTETELE SWIR

Printed in Israel 1975

נדפס בדפוס „אורלי", תל־אביב, תשל"ה — 1975